בעזרת ה' יתברך

ספר

# ליקוטי מוהר"ן

עם פירוש

# שפתי רתפתח

סימן א'

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
## וויליאמסבורג
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
## בארא פארק
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
## קרית יואל
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
## קרית יואל
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
## בלומינגראוו
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
## מאנסי
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
## ירושלים
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
## בני ברק
**רחוב הבעל שם טוב 7**
**052.760.5715**

נדפס ע"י

**קרן הדפסה**
**היכל הקודש**

2623 State Route 52
Liberty, NY 12754

**718.387.2691**

www.BreslevCenter.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב

**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב

**212.444.9169**

ספר

# ליקוטי מוהר"ן

עם פירוש

# שפתי תפתח

## סימן א'

מכון עצתו אמונה

הוצאת ספרי רבינו זכותו יגן עלינו

סימן א'

# אַשְׁרֵי

תְמִימֵי דָרֶךְ הַהוֹלְכִים בְּתוֹרַת ה' (תְּהִלִּים קיט):

דַּע, כִּי עַל-יְדֵי הַתּוֹרָה נִתְקַבְּלִים כָּל הַתְּפִלּוֹת וְכָל הַבַּקָּשׁוֹת, שֶׁאָנוּ מְבַקְשִׁים וּמִתְפַּלְּלִים, וְהַחֵן וְהַחֲשִׁיבוּת שֶׁל יִשְׂרָאֵל נִתְעַלֶּה וְנִתְרוֹמֵם, בִּפְנֵי כָּל מִי שֶׁצְּרִיכִין, הֵן בְּרוּחָנִי הֵן בְּגַשְׁמִי, כִּי עַכְשָׁו בַּעֲווֹנוֹתֵינוּ הָרַבִּים חֵן וַחֲשִׁיבוּת הָאֲמִיתִּי שֶׁל יִשְׂרָאֵל נָפַל, כִּי עַכְשָׁו עִקַּר הַחֲשִׁיבוּת וְהַחֵן הוּא אֶצְלָם, אֲבָל עַל-יְדֵי הַתּוֹרָה נִתְעַלֶּה הַחֵן וְהַחֲשִׁיבוּת שֶׁל יִשְׂרָאֵל, כִּי הַתּוֹרָה נִקְרֵאת "אַיֶּלֶת אֲהָבִים (מִשְׁלֵי ה)":

אַשְׁרֵי תְמִימֵי דָרֶךְ הַהוֹלְכִים בְּתוֹרַת ה' (תְּהִלִּים קיט, א).

תּוֹרָה בְּרֶענְגְט חֵן

דַע וויסן זָאלְסְטוּ, כִּי עַל יְדֵי הַתּוֹרָה אַז מֶען לֶערְנְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, נִתְקַבְּלִים כָּל הַתְּפִלּוֹת וְכָל הַבַּקָּשׁוֹת נֶעמְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אָן אַלֶע אוּנְזֶערֶע תְּפִילּוֹת אוּן אוּנְזֶערֶע גֶעבֶּעטְן, שֶׁאָנוּ מְבַקְשִׁים וּמִתְפַּלְּלִים וָואס מִיר בֶּעטְן אוּן מִיר דַאוֶונֶען. וְהַחֵן וְהַחֲשִׁיבוּת שֶׁל יִשְׂרָאֵל נִתְעַלֶּה וְנִתְרוֹמֵם בִּפְנֵי כָּל מִי שֶׁצְּרִיכִין אוּן דִי חֵן אוּן טֵייעֶרְקֵייט פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער וֶוערְט אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן אִין יֶעדְנְ'ס אוֹיגְן, הֵן בְּרוּחָנִי הֵן בְּגַשְׁמִי – סֵיי בְּרוּחְנִיוּת פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן סֵיי בְּגַשְׁמִיּוּת – פַאר מֶענְטְשְׁן; אַז מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה אוּן מֶען גֵייט אִין דִי וֶועג פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה – וֶוערְט מֶען זֵייעֶר בַּאלִיבְּט בַּייֶעדְן אֵיינֶעם.

כִּי עַכְשָׁו בַּעֲווֹנוֹתֵינוּ הָרַבִּים וַוייל לֵיידֶער הַיינְטִיגֶע צַייטְן אִינֶעם פִינְסְטֶערְן גָלוּת, חֵן וַחֲשִׁיבוּת הָאֲמִיתִּי שֶׁל יִשְׂרָאֵל נָפַל זֶענֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער נִישְׁט חָשׁוּב; מֶען קוּקְט נִישְׁט אַרוֹיף עֶרְלִיכֶע אִידְן, כִּי עַכְשָׁו עִקַּר הַחֲשִׁיבוּת וְהַחֵן הוּא אֶצְלָם מֶען קוּקְט אַרוֹיף מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען נִישְׁט עֶרְלִיךְ, צוּלִיבּ דֶעם פַאלְן אַוֶועק פוּן אִידִישְׁקֵייט אַזוֹיפִיל טֵייעֶרֶע נְשָׁמוֹת, זֵיי קֶענֶען נִישְׁט אוֹיסְהַאלְטְן דִי בִּזְיוֹנוֹת וָואס עֶרְלִיכֶע אִידְן גֵייעֶן אַרִיבֶּער, אֲבָל עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, נִתְעַלֶּה הַחֵן וְהַחֲשִׁיבוּת שֶׁל יִשְׂרָאֵל אָבֶּער דוּרְךְ לֶערְנֶען תּוֹרָה אוּן דוּרְךְ גֵיין אִין דִי וֶועג פוּן דִי תּוֹרָה – בַּאקוּמְט מֶען חֵן, מֶען וֶוערְט חָשׁוּב, כִּי הַתּוֹרָה נִקְרֵאת (מִשְׁלֵי ה, יט) 'אַיֶּלֶת אֲהָבִים' וַוייל דִי תּוֹרָה וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן אַ אִינְד – אַ נְקֵבָה, וָואס אִיז זֵייעֶר בַּאלִיבְּט בַּיים זָכָר,

### סימן א'

**'וְיַעֲלַת חֵן" — 'שֶׁמַּעֲלָה חֵן עַל לוֹמְדֶיהָ'** (עֵרוּבִין נד:), **וְעַל־יְדֵי־זֶה נִתְקַבְּלִין כָּל הַתְּפִלּוֹת וְהַבַּקָּשׁוֹת:**

**כִּי אִישׁ הַיִּשְׂרְאֵלִי צָרִיךְ תָּמִיד לְהִסְתַּכֵּל בְּהַשֵּׂכֶל שֶׁל כָּל דָּבָר, וּלְקַשֵּׁר עַצְמוֹ אֶל הַחָכְמָה וְהַשֵּׂכֶל שֶׁיֵּשׁ בְּכָל דָּבָר, כְּדֵי שֶׁיָּאִיר לוֹ הַשֵּׂכֶל שֶׁיֵּשׁ בְּכָל דָּבָר, לְהִתְקָרֵב לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ עַל־יְדֵי אוֹתוֹ הַדָּבָר, כִּי הַשֵּׂכֶל הוּא אוֹר גָּדוֹל וּמֵאִיר לוֹ בְּכָל דְּרָכָיו, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** (קֹהֶלֶת ח): **"חָכְמַת אָדָם תָּאִיר פָּנָיו":**

**'וְיַעֲלַת חֵן'** זי בְּרֶענְגְט חֵן, **'שֶׁמַּעֲלָה חֵן עַל לוֹמְדֶיהָ'** (עֵרוּבִין נד:) די הֵיילִיגֶע חֲכָמִים לֶערְנֶען אַרוֹיס פוּן דֶעם פָּסוּק אַז די תּוֹרָה בְּרֶענְגְט חֵן; דֶער וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה ווערְט בַּאלִיבְּט בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר בַּאקוּמְט אַ שְׁטַארְקֶע חֵן.

**וְעַל יְדֵי זֶה נִתְקַבְּלִין כָּל הַתְּפִלּוֹת וְהַבַּקָּשׁוֹת** קוּמְט אוֹיס אַז דוּרְךְ די תּוֹרָה נֶעמְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אָן די תְּפִילוֹת; אַזוֹי ווי מִיר וֶועלְן זֶען, וֶוען אֵיינֶער בֶּעט אַ טוֹבָה פוּן אַ צְוֵייטְן, אוֹיב הָאט דֶער וָואס בֶּעט – חֵן, וֶועט יֶענֶער אִים טוּן די טוֹבָה, וַוייל וֶוער עֶס הָאט חֵן – דֶעם וויל מֶען הֶעלְפְן. אַזוֹי אוֹיךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי, וֶוען אַ אִיד לֶערְנְט תּוֹרָה בַּאקוּמְט עֶר חֵן בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם, סַיי בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן סַיי בַּיי מֶענְטְשְׁן, מֶען הֶעלְפְט אִים אוּן מֶען נֶעמְט אָן זַיינֶע בַּקָּשׁוֹת.

#### זוּךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין יֶעדֶע זַאךְ

**כִּי אִישׁ הַיִּשְׂרְאֵלִי צָרִיךְ תָּמִיד לְהִסְתַּכֵּל בְּהַשֵּׂכֶל שֶׁל כָּל דָּבָר** אַ אִיד דַארְף שְׁטֶענְדִיג אוֹיפְזוּכְן אִין יֶעדֶע זַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס מֶען זֶעט נָאר דַארְף מֶען טְרַאכְטְן אוּן אַרַיינְקוּקְן אִין דֶעם: 'וֶוער הָאט גֶעמַאכְט די זַאךְ? וֶוער הָאט בַּאשַׁאפְן די זַאךְ? אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער', נִישְׁטָא קַיין זַאךְ אִין די וֶועלְט אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלֶעס אִיז עֶר, **וּלְקַשֵּׁר עַצְמוֹ אֶל הַחָכְמָה וְהַשֵּׂכֶל שֶׁיֵּשׁ בְּכָל דָּבָר** מֶען דַארְף זוּכְן אִין יֶעדֶע זַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **כְּדֵי שֶׁיָּאִיר לוֹ הַשֵּׂכֶל שֶׁיֵּשׁ בְּכָל דָּבָר, לְהִתְקָרֵב לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ עַל יְדֵי אוֹתוֹ הַדָּבָר** אַזוֹי וֶועט אִים לִיכְטִיג וֶוערְן אוּן מֶען וֶועט וויסְן ווי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן אוּן נֶענְטֶער וֶוערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**כִּי הַשֵּׂכֶל הוּא אוֹר גָּדוֹל וּמֵאִיר לוֹ בְּכָל דְּרָכָיו** וַוייל וֶוען מֶען זוּכְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין יֶעדֶע זַאךְ, וֵוייסְט מֶען ווי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, **כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** אַזוֹי ווי עֶס שְׁטֵייט (קֹהֶלֶת ח, א): **'חָכְמַת אָדָם תָּאִיר פָּנָיו'** די חָכְמָה וָואס לִיגְט אִינֶעם מֶענְטְשׁ – דָאס אִיז די נְשָׁמָה וָואס אִיז אַ חֵלֶק אֱלוֹקַי מִמַּעַל – מַאכְט לִיכְטִיג.

וְזֶה בְּחִינַת יַעֲקֹב, כִּי יַעֲקֹב זָכָה לַבְּכוֹרָה שֶׁהוּא רֵאשִׁית, שֶׁהוּא בְּחִינַת חָכְמָה (תִּקּוּנִים תִּקּוּן יד, זֹהַר מִשְׁפָּטִים קכא:), כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (תְּהִלִּים קיא): "רֵאשִׁית חָכְמָה". וְזֶה בְּחִינַת (בְּרֵאשִׁית כז): "וַיַּעַקְבֵנִי זֶה פַעֲמַיִם". וְתַרְגּוּם אוּנְקְלוֹס: 'וְחַכְּמַנִי'. וְזֶה בְּחִינַת שֶׁמֶשׁ, כִּי הַשֵּׂכֶל הוּא מֵאִיר לוֹ בְּכָל דְּרָכָיו כְּמוֹ הַשֶּׁמֶשׁ.

דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן יַעֲקֹב אָבִינוּ

**וְזֶה בְּחִינַת יַעֲקֹב** אוּן צוּ דִי הֵיילִיגֶע לֶעבְּן הָאט יַעֲקֹב אָבִינוּ זוֹכֶה גֶעוֶוען; יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן זַיינֶע הֵיילִיגֶע עֶלְטֶערְן אַבְרָהָם אָבִינוּ אוּן יִצְחָק אָבִינוּ - דִי רֵיינֶע אֱמוּנָה, אוּן עֶר הָאט דָאס אַרַיינְגֶעוָוארְצְלְט אִין זַיינֶע הֵיילִיגֶע קִינְדֶער, דִי הֵיילִיגֶע שְׁבָטִים, זֵיי זָאלְן לֶעבְּן מִיט אַ קְלָארֶע אֱמוּנָה, זֵיי זָאלְן ווִיסְן אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא גָארְנִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט, נָאר דֶער אֵיינְצִיגֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער; אַלֶעס וָואס מִיר זֶעעֶן - דוֹמֵם, צוֹמֵחַ, חַי אוּן מְדַבֵּר - אַלֶעס אִיז נָאר אַ פַארְשְׁטֶעלַאכְטְס פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

**עַד** כְּדֵי כַּךְ, אַז דִי נָאמֶען יַעֲקֹב דֶערְמַאנְט אוּנְז שׁוֹין צוּ לֶעבְּן מִיט דִי זַאךְ, מִיר זָאלְן אוֹיפְזוּכְן אִין יֶעדֶע זַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **כִּי יַעֲקֹב זָכָה לַבְּכוֹרָה שֶׁהוּא רֵאשִׁית** יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט בַּאקוּמֶען דִי בְּכוֹרָה; וָואס אִיז בְּכוֹרָה? בְּכוֹר אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע - רֵאשִׁית, וָואס אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ? **שֶׁהוּא בְּחִינַת חָכְמָה** (תִּקּוּנִים תִּקּוּן יד, זֹהַר מִשְׁפָּטִים קכא:) חָכְמָה לֵייגְט זִיךְ כֹּחַ-מָה, וָואס אִיז מַיין כֹּחַ? אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קֵיין כֹּחַ, מַיין גַאנְצֶע כֹּחַ, אַלֶעס פוּן מִיר - אִיז נָאר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, **כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים קיא, י): **'רֵאשִׁית חָכְמָה'** [יִרְאַת ה'], דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ אִיז גֶעדֶענְקֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**וְזֶה בְּחִינַת** (בְּרֵאשִׁית כז, לו) **'וַיַּעַקְבֵנִי זֶה פַעֲמַיִם', וְתַרְגּוּם אוּנְקְלוֹס: 'וְחַכְּמַנִי'**, נָאךְ אַ פְּלַאץ זֶעעֶן מִיר וָואס אִיז גֶעוֶוען דִי עֲבוֹדָה פוּן יַעֲקֹב אָבִינוּ, עֶס שְׁטֵייט 'וַיַּעַקְבֵנִי זֶה פַעֲמַיִם' זָאגְט דֶער תַּרְגּוּם אוּנְקְלוֹס 'וְחַכְּמַנִי', יַעֲקֹב הָאט גֶעהַאט דִי זַאךְ פוּן חָכְמָה, פוּן אוֹיפְזוּכְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַזוֹי לִיכְטִיג ווִי דִי זוּן

**וְזֶה בְּחִינַת שֶׁמֶשׁ** דִי מַדְרֵגָה פוּן לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן הָאט נָאךְ אַ נָאמֶען, עֶס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן מִיטְ'ן נָאמֶען זוּן, **כִּי הַשֵּׂכֶל הוּא מֵאִיר לוֹ בְּכָל דְּרָכָיו כְּמוֹ הַשֶּׁמֶשׁ** ווַייל אַזוֹי ווִי דִי זוּן מַאכְט לִיכְטִיג, וֶוען דִי זוּן שַׁיינְט - קֶען מֶען זֶען, מֶען ווֵייסְט וואוּ צוּ גֵיין, מֶען

וְזֶה בְּחִינַת (מִשְׁלֵי ד): "**וְאֹרַח צַדִּיקִים כְּאוֹר נֹגַהּ הוֹלֵךְ וָאוֹר עַד נְכוֹן הַיּוֹם**". **וְזֶה בְּחִינַת חֵי"ת — לְשׁוֹן חִיּוּת, (א). כִּי הַחָכְמָה וְהַשֵּׂכֶל הוּא הַחִיּוּת שֶׁל כָּל דָּבָר, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** (קֹהֶלֶת ז): "**הַחָכְמָה תְּחַיֶּה" וְכוּ'.**

**אַךְ מֵחֲמַת שֶׁאוֹר הַשֵּׂכֶל גָּדוֹל מְאֹד, אִי־אֶפְשָׁר לִזְכּוֹת אֵלָיו כִּי אִם עַל־יְדֵי בְּחִינַת נוּן שֶׁהוּא בְּחִינַת מַלְכוּת,**

ווייסט וואס צו טון, אַזוֹי איז דער וואס לעבט מיט'ן באַשעפער, ער זוכט דעם אייבערשטן אין יעדע זאַך - דעם איז אויך ליכטיג, מען ווייסט וואו צו גיין, מען ווייסט וואס מען האט צו טון. **וְזֶה בְּחִינַת** (מִשְׁלֵי ד, יח): **'וְאֹרַח צַדִּיקִים כְּאוֹר נֹגַהּ הוֹלֵךְ וָאוֹר עַד נְכוֹן הַיּוֹם'** דאס איז די מדריגה פון די צדיקים, זיי לעבן שטענדיג מיט'ן אייבערשטן, אַזוֹי ווי עס שטייט, **'וְאֹרַח צַדִּיקִים'** די וועג פון צדיקים, **'כְּאוֹר נֹגַהּ'** איז אַזוֹי ווי די ליכטיגקייט אינדערפרי, **'הוֹלֵךְ וָאוֹר'** וואס שיינט אויף און לייכט אַלץ מער און מער, **'עַד נְכוֹן הַיּוֹם'** ביז אינמיטן טאג.

**דָאס** איז געווען די עֲבוֹדָה פון יַעֲקֹב אָבִינוּ וואס ער האט דאס אַריינגעלייגט אין זיינע קינדער ביז סוֹף כָּל הַדּוֹרוֹת, אידישע קינדער זאלן לעבן מיט אֱמוּנָה, מען זאל גלייבן אַז עס איז גארנישט דא אויסער דעם אייבערשטן. און דאס טוען די צַדִּיקִים שֶׁבְּכָל דוֹר וָדוֹר, זיי זענען זיך מוֹסֵר נֶפֶשׁ פאר'ן אייבערשטן, זיי לעבן מיט אַזאַ שטארקע אֱמוּנָה, זיי זוכן אין יעדע זאַך דעם אייבערשטן. דעריבער שיינט זיי שטענדיג דער מֹחַ, זיי זעען און הערן רְמָזִים ווי אַזוֹי צו לעבן, עס איז ביי זיי שטענדיג ליכטיג אַזוֹי ווי די זון שיינט אינמיטן טאג.

**וְזֶה בְּחִינַת חֵית** די מַדְרֵיגָה פון יַעֲקֹב אָבִינוּ, פון זוכן אין יעדע זאַך דעם אייבערשטן - האט נאך אַ נאמען, עס ווערט אָנגערופן מיט'ן אות ח, **לְשׁוֹן חִיּוּת**, ח' איז חִיּוּת - לעבן, **כִּי הַחָכְמָה וְהַשֵּׂכֶל הוּא הַחִיּוּת שֶׁל כָּל דָּבָר** ווייל ווער געבט לעבן? ווער איז מְחַיֶּה' יעדע זאַך? דער אייבערשטער, ער איז מְחַיֶּה' די גאַנצע וועלט, **כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** אַזוֹי ווי עס שטייט (קֹהֶלֶת ז, יב): **'הַחָכְמָה תְּחַיֶּה' וְכוּ'** שֵׂכֶל ברענגט לעבן.

### רעד צום אייבערשטן וועסטו אויך זיין אַ צַדִּיק

**אַךְ מֵחֲמַת שֶׁאוֹר הַשֵּׂכֶל גָּדוֹל מְאֹד** אָבער לעבן מיט די מַחֲשָׁבָה נישט צו מַסִּיחַ דַּעַת זיין פונעם אייבערשטן אַ גאַנצן צייט - איז זייער אַ גרויסע מַדְרֵיגָה, **אִי אֶפְשָׁר לִזְכּוֹת אֵלָיו כִּי אִם עַל יְדֵי בְּחִינַת נוּן שֶׁהוּא בְּחִינַת מַלְכוּת** און צו דעם קען מען נישט זוֹכֶה זיין, נאר דורך תְּפִלָּה - וואס ווערט אָנגערופן מיט'ן אות נ', אויך ווערט

דָאס אָנְגֶערוּפְן 'מַלְכוּת'; דוּרְךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין עֶס זָאל שַׁיינֶען שְׁטֶענְדִיג דֶעם אוֹר הַשֵּׂכֶל אַזוֹי וִוי דִי זוּן. וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד, עֶר שְׁמוּעֶסְט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי מֶען שְׁמוּעֶסְט מִיט אַ גוּטֶער פְרַיינְט, עֶר דֶערְצֵיילְט אַלֶעס פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן – אִיז עֶר זוֹכֶה צוּ שְׁפִּירְן דֶעם אֵין סוֹף בָּרוּךְ הוּא.

**כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים עב, יז): **'לִפְנֵי שֶׁמֶשׁ'** אֵיידֶער מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ דִי מַדְרֵיגָה עֶס זָאל שְׁטֶענְדִיג שַׁיינֶען אוּן לַייכְטְן דִי אֱמוּנָה אַזוֹי וִוי דִי זוּן – 'יִנּוֹן שְׁמוֹ', וּפֵרֵשׁ רַשִׁ"י 'לְשׁוֹן מַלְכוּת', דָאס אִיז תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת וָואס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן מַלְכוּת; אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יַלְקוּט תְּהִלִּים, רֶמֶז תתו): 'מַהוּ שְׁמוֹ שֶׁל מָשִׁיחַ' וָואס אִיז מָשִׁיחַ'ס נָאמֶען? 'יִנּוֹן שְׁמוֹ', מָשִׁיחַ'ס נָאמֶען אִיז 'יִנּוֹן'; מָשִׁיחַ וֶועט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין דִי וֶועלְט תְּפִלָּה, מָשִׁיחַ וֶועט אוֹיסְלֶערְנֶען יֶעדְן אֵיינֶעם, אֲפִילוּ מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען אַוֶועק גֶעפַאלְן, זֵיי זֶענֶען נֶעבֶּעךְ וַוייט פוּן קְדוּשָּׁה – צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** (תְּהִלִּים ע"ב): **"לִפְנֵי שֶׁמֶשׁ יִנּוֹן שְׁמוֹ", וּפֵרֵשׁ רַשִׁ"י: 'לְשׁוֹן מַלְכוּת'. וְזֶה בְּחִינַת לְבָנָה, כִּי הַלְּבָנָה אֵין לָהּ אוֹר מֵעַצְמָהּ, כִּי־אִם מַה שֶּׁמְּקַבֶּלֶת מֵהַשֶּׁמֶשׁ** (זֹהַר וַיְחִי רלח. וְרמט:). **וְזֶהוּ בְּחִינַת מַלְכוּת, דְּלֵית לָהּ מִגַּרְמָהּ כְּלוּם, אֶלָּא מַה שֶּׁמְּקַבֶּלֶת מִן הַחֵי"ת, שֶׁהִיא בְּחִינַת חָכְמָה, בְּחִינַת שֶׁמֶשׁ כַּנַּ"ל,**

**וְזֶה בְּחִינַת לְבָנָה** וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הַאלְט נָאכְנִישְׁט בַּיי דִי מַדְרֵיגָה פוּן זֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין יֶעדֶע זַאךְ, עֶר בֶּעט אָבֶּער אוֹיף דֶעם, עֶר וַוארְט אוּן הָאפְט צוּ קוּמֶען צוּ דִי גְרוֹיסֶע מַדְרֵגָה – אִיז עֶר אַזוֹי וִוי דִי לְבָנָה, **כִּי הַלְּבָנָה אֵין לָהּ אוֹר מֵעַצְמָהּ** וַוייל אַזוֹי וִוי דִי לְבָנָה הָאט נִישְׁט קַיין אֵייגֶענֶע שַׁיין, **כִּי אִם מַה שֶּׁמְּקַבֶּלֶת מֵהַשֶּׁמֶשׁ** דִי לְבָנָה אִיז אַ שְׁפִּיגֶעלֶע, עֶס שְׁפִּיגְלְט זִיךְ אָפּ אִין אִיר דִי שַׁיין פוּן דִי זוּן, זִי הָאט נִישְׁט קַיין אֵייגֶענֶע שַׁיין, זִי נֶעמְט אִיר שַׁיין פוּן דִי זוּן – **וְזֶהוּ בְּחִינַת מַלְכוּת** אַזוֹי אוֹיךְ, וֶוען מֶען אִיז נָאכְנִישְׁט בַּיי דִי מַדְרֵיגָה פוּן שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ גַאנְצְן צַייט, מֶען הָאט נָאכְנִישְׁט קַיין אֵייגֶענֶע שַׁיין, מֶען אִיז נָאךְ וַוייט פוּן שַׁיינֶען אַזוֹי וִוי דִי זוּן, דָאךְ אוֹיבּ מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען אִיז שְׁטַארְק אִין תְּפִלָּה, וָואס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן מַלְכוּת, **דְּלֵית לָהּ מִגַּרְמָהּ כְּלוּם** מֶען וֵוייסְט בַּיי זִיךְ אַז מֶען אִיז גָארְנִישְׁט, מֶען אִיז בָּטֵל וּמְבוּטָל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **אֶלָּא מַה שֶּׁמְּקַבֶּלֶת מִן הַחֵית, שֶׁהִיא בְּחִינַת חָכְמָה, בְּחִינַת שֶׁמֶשׁ כַּנַּ"ל** וֶוען

מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ - וֶוערְט בַּיי דֶעם מֶענְטְשׁ אַזוֹי לִיכְטִיג, אַזוֹי וִוי עֶס וֶועט זַיין וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען, וְנַעֲשָׂה (יְשַׁעְיָה ל, כו): 'אוֹר הַלְּבָנָה כְּאוֹר הַחַמָּה' וָואס דִי לְבָנָה וֶועט דַאן שַׁיינֶען אַזוֹי וִוי דִי זוּן, מֶען וֶועט נָאר זֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער רֶבִּי וַוייזְט אוּנְז אַ וֶועג, פַאר אוּנְז פְּשׁוּט'ע מֶענְטְשְׁן, וִוי אַזוֹי מִיר קֶענֶען אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען אוּן הֶערְן פוּן יֶעדֶע זַאךְ אִין דִי וֶועלְט כְּבוֹדוֹ יִתְבָּרַךְ.

אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט, אַז יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ דִי בְּכוֹרָה, צוּ 'רֵאשִׁית חָכְמָה יִרְאַת ה'', עֶר הָאט בַּאקוּמֶען דִי זַאךְ פוּן לֶעבְּן מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זוּכְן אִין יֶעדֶע זַאךְ נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ווִידֶער עֵשָׂו הָרָשָׁע - עֶר פַארְשֶׁעמְט דִי בְּכוֹרָה, דִי שֵׂכֶל - פַאר אַ טֶעלֶער עֶסְן, פַאר אַבִּיסְל תַּאֲוַת אֲכִילָה. אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט, בְּחִינַת (מִשְׁלֵי יח, ב): 'לֹא יַחְפֹּץ כְּסִיל בִּתְבוּנָה' דֶער נַאר זוּכְט נִישְׁט קַיין פַארְשְׁטַאנְד, עֶר זוּכְט נִישְׁט אַרוֹיסְצוּנֶעמֶען פוּן יֶעדֶע זַאךְ דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, 'כִּי אִם בְּהִתְגַּלּוֹת לִבּוֹ' נָאר זִיךְ גְרוֹיס צוּ הַאלְטְן.

**וְנַעֲשָׂה** (יְשַׁעְיָהוּ ל): **"אוֹר הַלְּבָנָה כְּאוֹר הַחַמָּה".**

**אֲבָל מִי שֶׁאֵינוֹ מְקַשֵּׁר עַצְמוֹ אֶל הַשֵּׂכֶל וְהַחָכְמָה וְהַחִיּוּת, שֶׁיֵּשׁ בְּכָל דָּבָר, זֶה בְּחִינַת עֵשָׂו שֶׁבִּזָּה אֶת הַבְּכוֹרָה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** (בְּרֵאשִׁית כה): **"וַיִּבֶז עֵשָׂו אֶת הַבְּכוֹרָה", דְּהַיְנוּ הַשֵּׂכֶל כַּנַּ"ל, בְּחִינַת** (מִשְׁלֵי יח): **"לֹא יַחְפֹּץ כְּסִיל בִּתְבוּנָה כִּי אִם בְּהִתְגַּלּוֹת לִבּוֹ". וְזֶה בְּחִינַת מַלְכוּת הָרְשָׁעָה, בְּחִינַת לְבָנָה דְּסִטְרָא אָחֳרָא,**

### עֵשָׂו גְלֵייבְּט נִישְׁט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

**אֲבָל מִי שֶׁאֵינוֹ מְקַשֵּׁר עַצְמוֹ אֶל הַשֵּׂכֶל וְהַחָכְמָה וְהַחִיּוּת שֶׁיֵּשׁ בְּכָל דָּבָר** אָבֶּער וֶוער עֶס זוּכְט נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין יֶעדֶע זַאךְ - **זֶה בְּחִינַת עֵשָׂו שֶׁבִּזָּה אֶת הַבְּכוֹרָה** אִיז אַזוֹי וִוי עֵשָׂו וָואס הָאט פַארְקוֹיפְט דִי בְּכוֹרָה פַאר יַעֲקֹב אָבִינוּ, **כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (בְּרֵאשִׁית כה, לד): **'וַיִּבֶז עֵשָׂו אֶת הַבְּכוֹרָה'** עֵשָׂו הָאט פַארְשֶׁעמְט דִי בְּכוֹרָה; **דְּהַיְנוּ הַשֵּׂכֶל כַּנַּ"ל** דָאס מֵיינְט מֶען דִי שֵׂכֶל, אַזוֹי וִוי אוֹיבְן.

**וְזֶה בְּחִינַת מַלְכוּת הָרְשָׁעָה** דָאס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן 'מַלְכוּת הָרְשָׁעָה', ווַייל אַזוֹי וִוי עֶס אִיז דָא מַלְכוּת דִּקְדֻשָּׁה; בֶּעטְן יֶעדֶע זַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ צוּבִּינְדְן צוּ דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה - אַזוֹי אִיז דָא דִי אַנְדֶערֶע זַייט, דִי סִטְרָא אַחֲרָא, מַלְכוּת הָרְשָׁעָה - וָואס פַארְשְׁפְּרֵייטְן כְּפִירוֹת וְאַפִּיקוֹרְסוּת, 'כֹּחִי וְעֹצֶם יָדִי', זֵיי לֵייקֶענֶען אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **בְּחִינַת לְבָנָה דְּסִטְרָא אָחֳרָא**

סימן א׳

די וואס גלייבן נישט אינעם אייבערשטן זענען אזוי ווי די לבנה פון די אנדערע זייט, פון די סטרא אחרא, **שֶׁעָלֶיהָ נֶאֱמַר** וואס אויף זיי זאגט דער נביא ישעיהו (ישעיה כד, כג): **'וְחָפְרָה הַלְּבָנָה' וְכוּ׳** א פארשעמטע לבנה; דער נביא זאגט אונז, ווען משיח וועט קומען וועט זיין אזא ליכטיגקייט אויף די וועלט אז די זון און די לבנה וועלן זיך שעמען; מען וועט זיי שוין מער נישט דארפן, און די אלע וואס האבן געדינט די מזלות וועלן זיך פארשעמען, מען וועט זען און שפירן דעם אייבערשטן מיט אזא קלארקייט.

**שֶׁעָלֶיהָ נֶאֱמַר** (יְשַׁעְיָהוּ כד): **"וְחָפְרָה הַלְּבָנָה" וְכוּ׳.**

**וְזֶה בְּחִינַת יֵצֶר טוֹב וְיֵצֶר הָרָע, כִּי הַיֵּצֶר טוֹב נִקְרָא "מִסְכֵּן וְחָכָם"** (קֹהֶלֶת ד)**, בְּחִינַת מַלְכוּת, שֶׁהִיא בְּחִינַת עֲנִיָּה וְדַלָּה דְּלֵית לָהּ מִגַּרְמָהּ כְּלוּם, כִּי־אִם מַה שֶּׁמְּקַבֶּלֶת מֵחָכְמָה, וְיֵצֶר הָרָע נִקְרָא "מֶלֶךְ זָקֵן וּכְסִיל"** (שָׁם),

### וואס ווייל דער יצר טוב?

**וְזֶה בְּחִינַת יֵצֶר טוֹב וְיֵצֶר הָרָע** דער אייבערשטער האט באשאפן אין יעדן איינעם א יצר טוב און א יצר הרע (בְּרָכוֹת סא.), דער יצר טוב ציט דעם מענטש צום באשעפער, ער וויל ברענגען דעם מענטש צו די גרויסע מדריגה פון יעקב אבינו, צו קוקן אין יעדע זאך אויפ׳ן באשעפער, ארויסנעמען פון יעדע זאך רמזים ווי אזוי צו דינען דעם באשעפער, און פארקערט, דער יצר הרע - ער שלעפט אוועק פונעם באשעפער, ער וויל יעדן איינעם מאכן

פאר 'עֵשָׂו שֶׁבָּזָה אֶת הַבְּכוֹרָה', וואס פארשעמט די אמונה.

**כִּי הַיֵּצֶר טוֹב** ווייל דער יצר טוב, **נִקְרָא** ווערט אנגערופן: 'מִסְכֵּן' א ארעמאן, 'וְחָכָם' און א קלוגער (קֹהֶלֶת ד, יג); ער ברענגט דעם מענטש זיך צו האלטן קליין, שטענדיג געדענקען פונעם באשעפער - **בְּחִינַת מַלְכוּת, שֶׁהִיא בְּחִינַת עֲנִיָּה וְדַלָּה דְּלֵית לָהּ מִגַּרְמָהּ כְּלוּם, כִּי אִם מַה שֶּׁמְּקַבֶּלֶת מֵחָכְמָה** דאס איז דער יצר טוב, ער ברענגט דעם מענטש צו די העכסטע דרגה, מען זאל וויסן אז מען איז גארנישט, אלעס איז דער אייבערשטער.

**מַלְכוּת** איז תְּפִלָּה. דאס איז די העכסטע זאך צו וואס מען קען צוקומען, וויסן: 'איך ווייס גארנישט', 'איך אנעם באשעפער - קען גארנישט', 'וואס איך האב - איז נאר פונעם באשעפער'.

### דער יצר הרע ברענגט גאוה

**וְיֵצֶר הָרָע נִקְרָא 'מֶלֶךְ זָקֵן וּכְסִיל'** (שָׁם) דער יצר הרע ווערט אנגערופן אן אלטער נארישער קעניג; ער רעדט איין דעם מענטש דו ביסט א 'מֶלֶךְ', ביסט גרויס, ביסט מעכטיג; פון דעם ווערט דער מענטש א 'כְּסִיל', א נאר. אויך רעדט ער איין דעם מענטש ביסט

סימן א׳

בְּחִינַת מַלְכוּת דְּסִטְרָא אָחֳרָא, שֶׁאֵינָהּ חֲפֵצָה בְּחָכְמָה וָשֵׂכֶל, בְּחִינַת "לֹא יַחְפֹּץ כְּסִיל בִּתְבוּנָה" וְכוּ', כַּנַּ"ל.

וְצָרִיךְ כָּל אֶחָד לִתֵּן כֹּחַ לִבְחִינַת מַלְכוּת דִּקְדֻשָּׁה, לְהִתְגַּבֵּר עַל מַלְכוּת דְּסִטְרָא אָחֳרָא, וּכְמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (בְּרָכוֹת ה.): 'לְעוֹלָם יַרְגִּיז אָדָם יֵצֶר טוֹב עַל יֵצֶר הָרָע'. וְעַל-יְדֵי מַה נּוֹתֵן כֹּחַ לְמַלְכוּת דִּקְדֻשָּׁה? עַל-יְדֵי הַתּוֹרָה, שֶׁהוּא עוֹסֵק בְּכֹחַ (כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה, שָׁם: 'לְעוֹלָם יַרְגִּיז וְכוּ' אִי אָזִיל-מוּטָב, וְאִם לָאו — יַעֲסֹק בַּתּוֹרָה'), וּכְמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (קִדּוּשִׁין ל:): 'אִם פָּגַע בְּךָ מְנֻוָּל זֶה, מָשְׁכֵהוּ לְבֵית-הַמִּדְרָשׁ',

אַלְט, הָאסְט שׁוֹין אַסַאךְ גֶעזִינְדִיגְט, בְּחִינַת מַלְכוּת דְּסִטְרָא אָחֳרָא שֶׁאֵינָהּ חֲפֵצָה בְּחָכְמָה וָשֵׂכֶל, דֶער יֵצֶר הָרָע זוּכְט נִישְׁט דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, עֶר בְּרֶענְגְט דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ עֲבֵירוֹת, בְּחִינַת 'לֹא יַחְפֹּץ כְּסִיל בִּתְבוּנָה' וְכוּ' כַּנַּ"ל אַזוֹי ווִי פְּרִיעֶר דֶערְמַאנְט; דֶער נַאר זוּכְט נִישְׁט דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, 'כִּי אִם בְּהִתְגַּלּוֹת לִבּוֹ', נַאר זִיךְ צוּ הַאלְטְן גְרוֹיס אַז עֶר ווֵייסְט אַלֶעס אוּן דַארְף חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ווָאס דָאס אִיז מַלְכוּת דְּסִטְרָא אַחֲרָא.

### תּוֹרָה בְּרֶענְגְט נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן

וְצָרִיךְ כָּל אֶחָד יֶעדֶער מֶענְטְשׁ דַארְף זֶען, לִתֵּן כֹּחַ צוּ גֶעבְּן כֹּחַ פַאר'ן יֵצֶר טוֹב, (דֶער רֶבִּי ווֶעט בַּאלְד זָאגְן ווִי אַזוֹי מֶען גֶעבְּט כֹּחַ), לִבְחִינַת מַלְכוּת דִּקְדֻשָּׁה ווָאס בְּרֶענְגְט דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם בַּאשֶׁעפֶער; לְהִתְגַּבֵּר זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן, עַל מַלְכוּת דְּסִטְרָא אָחֳרָא אוֹיפְ'ן יֵצֶר הָרָע. וּכְמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה אַזוֹי ווִי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בְּרָכוֹת ה.): 'לְעוֹלָם יַרְגִּיז אָדָם יֵצֶר טוֹב עַל יֵצֶר הָרָע' אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ שְׁטַארְקְן קֶעגְנְדֶעם יֵצֶר הָרָע.

וְעַל יְדֵי מַה נּוֹתֵן כֹּחַ לְמַלְכוּת דִּקְדֻשָּׁה ווִי אַזוֹי קֶען מֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן קֶעגְן דֶעם יֵצֶר הָרָע, צוּקוּמֶען צוּ דִי מַדְרֵיגָה פוּן זֶען נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן? עַל יְדֵי הַתּוֹרָה שֶׁהוּא עוֹסֵק בְּכֹחַ דוּרְךְ לֶערְנֶען תּוֹרָה; תּוֹרָה צֶעבְּרֶעכְט דֶעם יֵצֶר הָרָע, לֶערְנֶען תּוֹרָה שְׁטַארְקְט דֶעם יֵצֶר טוֹב, וּכְמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה אַזוֹי ווִי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (קִדּוּשִׁין ל:): 'אִם פָּגַע בְּךָ מְנֻוָּל זֶה' אוֹיבּ דֶער יֵצֶר הָרָע קוּמְט צוּ דִיר, 'מָשְׁכֵהוּ לְבֵית הַמִּדְרָשׁ' שְׁלֶעפּ אִים אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ; דָאס אִיז דִי עֵצָה קֶעגְן דֶעם יֵצֶר הָרָע. ווֶען מֶען הָאט שְׁווֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, מֶען הָאט אַ שְׁווֶערֶע מִלְחָמָה מִיטְ'ן יֵצֶר הָרָע, מִיט עֵשָׂו, מִיט מַלְכוּת

**כִּי עַל־יְדֵי הַתּוֹרָה נוֹתֵן כֹּחַ לַמַּלְכוּת דִּקְדֻשָּׁה.**

**וַאֲזַי מְקַבֶּלֶת הַמַּלְכוּת, שֶׁהִיא בְּחִינַת נ, חִיּוּת מִן הֶחָכְמָה, שֶׁהִיא בְּחִינַת ח', וְנִתְחַבֵּר וְנִתְקַשֵּׁר הַח' וְהַנ', וְנַעֲשֶׂה אוֹר הַלְּבָנָה כְּאוֹר הַחַמָּה, וּ'כְשֶׁזֶּה קָם, זֶה נוֹפֵל',**

דְּסִטְרָא אַחֲרָא, 'יַעֲסֹק בַּתּוֹרָה', לֶערְן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, דָאס גֶעבְּט כֹּחַ פַאר'ן יֵצֶר טוֹב. דוּרְךְ לֶערְנֶען תּוֹרָה קוּמְט מֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת, כִּי עַל יְדֵי הַתּוֹרָה נוֹתֵן כֹּחַ לְמַלְכוּת דִּקְדֻשָּׁה ווייל לֶערְנֶען תּוֹרָה בְּרֶענְגְט דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ אַנֶערְקֶענֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. **וַאֲזַי** מְקַבֶּלֶת הַמַּלְכוּת דֶעמָאלְט, אֲפִילוּ אַזַא אֵיינֶער וָואס הָאט נָאכְנִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זֶען אִין יֶעדֶע זַאךְ דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, עֶר אִיז נָאכְנִישְׁט בַּיי דִי מַדְרֵגָה פוּן יַעֲקֹב אָבִינוּ, אָבֶער עֶר דַאוֶונְט, עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, שֶׁהִיא בְּחִינַת נ וָואס דָאס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן נ' (אַזוֹי ווִי פְּרֵיעֶר דֶערְמַאנְט), דָאס הֵייסְט אֲפִילוּ עֶר אִיז נָאךְ בַּיי דִי קְלֶענֶערֶע מַדְרֵגָה, עֶר בֶּעט אָבֶער דֶעם בַּאשֶׁעפֶער - בַּאקוּמְט עֶר חִיּוּת מִן הַחָכְמָה אֲפִילוּ אַזַא אֵיינֶער הוֹיבְּט אָן לֶעבְּן מִיט'ן בַּאשֶׁעפֶער; ווייל וֶוען מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה אוּן מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בַּאקוּמְט אֲפִילוּ דֶער וָואס אִיז נָאכְנִישְׁט בַּיי דִי מַדְרֵיגָה פוּן זַיין ווִי דֶער זוּן וָואס שַׁיינְט אוּן לַייכְט שְׁטֶענְדִיג, נָאר עֶר אִיז אַזוֹי ווִי דִי לְבָנָה וָואס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן אוֹת נ - אוֹיךְ אַ שְׁטִיק חִיּוּת, אַ שְׁטִיק לֶעבְּן, שֶׁהִיא בְּחִינַת ח וָואס דָאס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן ח', וְנִתְחַבֵּר וְנִתְקַשֵּׁר אוּן עֶס קוּמֶען זִיךְ צוּזַאמֶען דִי צְוֵויי זַאכְן, הַח דִי אוֹת ח, וְהַנ מִיט דִי אוֹת נ, דֶעמָאלְט - וְנַעֲשֶׂה אוֹר הַלְּבָנָה כְּאוֹר הַחַמָּה הוֹיבְּט דִי לְבָנָה אָן צוּ שַׁיינֶען אַזוֹי ווִי דִי זוּן.

### קֶענְסְט אָנְקוּמֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה

**דָא** אִיז דֶער רֶבִּי מְגַלֶּה אַ מוֹרָא'דִיגֶע סוֹד, דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט אוּנְז אַרָאפּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת פַאר אוּנְז פְּשׁוּט'ֶע מֶענְטְשְׁן, מִיר זָאלְן אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּצוּקוּמֶען צוּ דִי הוֹיכֶע מַדְרֵיגָה פוּן יַעֲקֹב אָבִינוּ פוּן דִי אָבוֹת הַקְּדוֹשִׁים, וָואס הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זֶען אִין יֶעדֶע זַאךְ נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט נִישְׁט מַסִּיחַ דַּעַת גֶעוֶוען פוּנֶעם בַּאשֶׁעפֶער; מִיר קֶענֶען אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ דֶעם. אַז מִיר וֶועלְן בֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, מִיר וֶועלְן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, אוּן אַז מִיר וֶועלְן לֶערְנֶען תּוֹרָה, מִיר וֶועלְן לֶערְנֶען חוּמָשׁ, מִשְׁנַיוֹת, גְּמָרָא וְכוּ'; אוּן אֲפִילוּ מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן נָאכְנִישְׁט וָואס מִיר לֶערְנֶען וֶועלְן מִיר זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה - וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ שְׁטַארְקְן דֶעם יֵצֶר טוֹב.

**וּכְשֶׁזֶּה קָם** וֶוען דֶער יֵצֶר טוֹב וֶוערְט שְׁטַארְק, **זֶה נוֹפֵל** פַאלְט דֶער יֵצֶר הָרָע,

וַאֲזַי נוֹפֵל וְנִתְבַּטֵּל מַלְכוּת הָרִשְׁעָה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (הוֹשֵׁעַ יד): "כִּי יְשָׁרִים דַּרְכֵי ה', צַדִּיקִים יֵלְכוּ בָם, וּפֹשְׁעִים יִכָּשְׁלוּ בָם", הַיְנוּ עַל-יְדֵי "דַּרְכֵי ה'", הַיְנוּ הַתּוֹרָה, עַל-יְדֵי-זֶה הַצַּדִּיקִים שֶׁדְּבֵקִים בְּמַלְכוּת דִּקְדֻשָּׁה, הֵם נִתְחַזְּקִים וּמְקַבְּלִים כֹּחַ עַל-יְדֵי-זֶה. "וּפֹשְׁעִים יִכָּשְׁלוּ בָם", בְּחִינַת מַלְכוּת הָרִשְׁעָה, בְּחִינַת הַיֵּצֶר הָרָע, שֶׁנּוֹפֵל וְנִכְנָע עַל-יְדֵי הַתּוֹרָה כַּנַּ"ל:

וְעַל-יְדֵי-זֶה נִתְקַבְּלִים כָּל הַתְּפִלּוֹת וְהַבַּקָּשׁוֹת, כִּי עִקָּר מַה שֶּׁאֵין נִתְקַבְּלִין הַבַּקָּשׁוֹת, הוּא מֵחֲמַת שֶׁאֵין לְהַדְּבָרִים חֵן, וְאֵין נִכְנָסִין בַּלֵּב שֶׁל זֶה שֶׁמְּבַקְּשִׁין מִמֶּנּוּ, כְּאִלּוּ אֵין בְּלִבּוֹ מָקוֹם שֶׁיִּכָּנְסוּ הַדְּבָרִים בְּלִבּוֹ, מֵחֲמַת שֶׁאֵין לְהַמְבַקֵּשׁ חֵן, שֶׁיִּכָּנְסוּ

וַאֲזַי נוֹפֵל וְנִתְבַּטֵּל דֶעמָאלְט וֶוערְן בָּטֵל אוּן עֶס צֶעפַאלְט מַלְכוּת הָרִשְׁעָה - דִי סִטְרָא אַחֲרָא, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (הוֹשֵׁעַ יד, י): 'כִּי יְשָׁרִים דַּרְכֵי ה'' דֶעם בַּאשֶׁעפֶּער'ס וֶועגְן זֶענֶען גְלַייךְ, 'צַדִּיקִים יֵלְכוּ בָם' דִי צַדִּיקִים - זֵיי לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה, הַיְנוּ עַל יְדֵי דַּרְכֵי ה' זֵיי גֵייעֶן אִין דִי וֶועגְן פוּנֶעם בַּאשֶׁעפֶּער, הַיְנוּ הַתּוֹרָה זֵיי לֶערְנֶען דִי תּוֹרָה, עַל יְדֵי זֶה הַצַּדִּיקִים, שֶׁדְּבֵקִים בְּמַלְכוּת דִּקְדֻשָּׁה, הֵם נִתְחַזְּקִים וּמְקַבְּלִים כֹּחַ עַל יְדֵי זֶה דוּרְךְ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה הָאבְּן זֵיי כֹּחַ צוּ זַיין פֶּעלְזְן פֶּעסְט בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי קוּמֶען אִיבֶּער אַלֶע נִסְיוֹנוֹת, 'וּפֹשְׁעִים יִכָּשְׁלוּ בָם' וִוידֶער דִי רְשָׁעִים פַאלְן דוּרְךְ זֵיי, דוּרְךְ דִי תּוֹרָה, בְּחִינַת מַלְכוּת הָרִשְׁעָה, בְּחִינַת הַיֵּצֶר הָרָע דָאס אִיז דֶער יֵצֶר הָרָע, שֶׁנּוֹפֵל וָואס פַאלְט, וְנִכְנָע אוּן וֶוערְט אוּנְטֶערְדְרוּקְט, עַל יְדֵי הַתּוֹרָה דוּרְךְ דִי תּוֹרָה, כַּנַּ"ל אַזוֹי וִוי אוֹיבְן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט.

דוּרְךְ תּוֹרָה זֶעט מֶען יְשׁוּעוֹת

וְעַל יְדֵי זֶה אוּן דוּרְךְ דֶעם, נִתְקַבְּלִים וֶוערְן אָנְגֶענוּמֶען, כָּל הַתְּפִלּוֹת וְהַבַּקָּשׁוֹת אַלֶעס וָואס מִיר דַאוֶוענֶען אוּן וָואס מִיר בֶּעטְן. כִּי עִקַּר מַה שֶּׁאֵין נִתְקַבְּלִין הַבַּקָּשׁוֹת וַוייל דֶער עִיקָר סִיבָּה פַארְוָואס עֶס וֶוערְן נִישְׁט אָנְגֶענוּמֶען דִי בַּקָּשׁוֹת וָואס מֶען בֶּעט, הוּא מֵחֲמַת שֶׁאֵין לְהַדְּבָרִים חֵן אִיז וַוייל דִי וֶוערְטֶער הָאבְּן נִישְׁט קַיין חֵן. מֶען זֶעט, אֵיינֶער בֶּעט אַ צְוֵוייטְן אַ טוֹבָה, אוֹיבּ אִיז נִישְׁטָא קַיין חֵן - וֶועט יֶענֶער נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן זַיין גֶעבֶּעט, וְאֵין נִכְנָסִין בַּלֵּב שֶׁל זֶה שֶׁמְּבַקְּשִׁין מִמֶּנּוּ עֶס גֵייט נִישְׁט אַרַיין אִין זַיין הַארְץ, כְּאִלּוּ אֵין בְּלִבּוֹ מָקוֹם שֶׁיִּכָּנְסוּ הַדְּבָרִים בְּלִבּוֹ אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין חֵן, מֶען וֶוערְט פַארְעֶקְלְט פוּן אֵיינֶעם, אִיז אַזוֹי וִוי עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין פְּלַאץ אִין הַארְץ פַאר דִי בַּקָּשׁוֹת וָואס יֶענֶער בֶּעט, מֵחֲמַת שֶׁאֵין לְהַמְבַקֵּשׁ חֵן, שֶׁיִּכָּנְסוּ

הַדְּבָרִים בְּלִבּוֹ שֶׁל זֶה שֶׁמְּבַקְשִׁין מִמֶּנּוּ וַוייל עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין חֵן, אַזוֹי אוֹיךְ, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט שְׁטֶעלְן זִיךְ אַוֶועק דִי עֲבֵירוֹת אַזוֹי וִוי אַ וָואלְקְן אוּן דִי תְּפִילוֹת וֶוערְן נִישְׁט אָנְגֶענוּמֶען, וַוייל אַז מֶען טֵיילְט זִיךְ אָפּ פוּנֶעם בַּאשֶׁעפֶער, מֶען טֵיילְט אָפּ דִי אוֹת ח פוּן דִי אוֹת נ - פַאלְט אַוֶועק דִי 'חֵן', אוּן אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין חֵן - וֶוערְן דִי תְּפִילוֹת נִישְׁט אָנְגֶענוּמֶען.

לֶערְן תּוֹרָה וֶועט מֶען נִישְׁט נֶערְוֶועז וֶוערְן פוּן דִיר

וֶוערְן אָנְגֶענוּמֶען, דְּבָרָיו וּבַקָּשׁוֹתָיו אַלֶע זַיינֶע וֶוערְטֶער, כְּמוֹ מִי שֶׁמְּדַבֵּר דִּבְרֵי חֵן אַזוֹי וִוי אַ מֶענְטְשׁ מִיט חֵן בֶּעט בַּקָּשׁוֹת, שֶׁנִּכְנָסִין הַדְּבָרִים בְּלֵב הַמִּתְבַּקֵּשׁ וָואס זַיינֶע רֵייד גֵייעֶן אַרַיין אִינֶעם הַארְץ, דְּהַיְנוּ זֶה שֶׁמְּבַקְשִׁין מִמֶּנּוּ פוּן דֶער פוּן וֶועם מֶען בֶּעט; אַזוֹי אוֹיךְ, דֶער וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה בַּאקוּמְט אַ חֵן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַלֶע תְּפִילוֹת אוּן בַּקָּשׁוֹת וֶוערְן נִתְקַבֵּל.

פִּיר הוּנְדֶערְט וֶועלְטְן

הַדְּבָרִים בְּלִבּוֹ שֶׁל זֶה שֶׁמְּבַקְשִׁין מִמֶּנּוּ, **אֲבָל** עַל-יְדֵי הַתּוֹרָה, שֶׁעַל-יְדֵי-זֶה נִתְחַבְּרִין וְנִתְקַשְּׁרִין הַנ' וְהַח' כַּנַּ"ל, וְנַעֲשֶׂה חֵן, וְעַל כֵּן נִקְרֵאת הַתּוֹרָה (מִשְׁלֵי ה): "יַעֲלַת חֵן", וַאֲזַי זוֹכֶה שֶׁדְּבָרָיו הֵם דִּבְרֵי חֵן, וַאֲזַי נִתְקַבְּלִין דְּבָרָיו וּבַקָּשׁוֹתָיו, כְּמוֹ מִי שֶׁמְּדַבֵּר דִּבְרֵי חֵן, שֶׁנִּכְנָסִין הַדְּבָרִים בְּלֵב הַמִּתְבַּקֵּשׁ, דְּהַיְנוּ זֶה שֶׁמְּבַקְשִׁין מִמֶּנּוּ.

וְזֶה בְּחִינַת ת'. הַיְנוּ עַל-יְדֵי שֶׁנִּתְחַבְּרוּ וְנִתְקַשְּׁרוּ הַחֵי"ת וְהַנּוּ"ן

**אֲבָל עַל יְדֵי הַתּוֹרָה** וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה, עֶר לֶערְנְט תּוֹרָה, שֶׁעַל יְדֵי זֶה דוּרְכְדֶעם אִיז עֶר זוֹכֶה - נִתְחַבְּרִין וְנִתְקַשְּׁרִין הַנ וְהַח כַּנַּ"ל זִיךְ צוּצוּבִּינְדְן אוּן זִיךְ בַּאהֶעפְטְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִין דִי תּוֹרָה, אוּן וֶוען מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה פַּארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן - וְנַעֲשֶׂה חֵן בַּאקוּמְט מֶען חֵן, וְעַל כֵּן נִקְרֵאת הַתּוֹרָה 'יַעֲלַת חֵן' (מִשְׁלֵי ה, יט) דֶערְפַאר וֶוערְט דִי תּוֹרָה אָנְגֶערוּפְן 'יַעֲלַת חֵן'.

**וַאֲזַי** זוֹכֶה דוּרְךְ לֶערְנֶען תּוֹרָה אִיז מֶען זוֹכֶה, שֶׁדְּבָרָיו הֵם דִּבְרֵי חֵן צוּ בַּאקוּמֶען חֵן, וַאֲזַי נִתְקַבְּלִין אוּן עֶס

**וְזֶה בְּחִינַת ת** וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט אַזַא לֶעבְּן אַזוֹי וִוי יַעֲקֹב אָבִינוּ, עֶר זוּכְט אִין יֶעדֶע זַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אֲפִילוּ גַשְׁמִיּוּת'דִיגֶע זַאכְן אִיז בַּיי אִים רוּחָנִיּוּת - אִיז עֶר זוֹכֶה צוּ בַּאקוּמֶען 'ד' מֵאוֹת עוֹלָמוֹת דְּכִסּוּפִין', פִּיר הוּנְדֶערְט וֶועלְטְן וָואס מֶען בֶּענְקְט אוּן מֶען גְלִיסְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה (דַּף קכג:), דָאס אִיז דִי אוֹת ת' - פִּיר הוּנְדֶערְט וֶועלְטְן.

**הַיְנוּ עַל יְדֵי שֶׁנִּתְחַבְּרוּ וְנִתְקַשְּׁרוּ** הַחֵי"ת וְהַנּוּ"ן וֶוען מֶען טוּט צוּבִּינְדְן דִי וֶועלְט צוּ יֶענֶע וֶועלְט, מֶען מַאכְט

סימן א'

וְנַעֲשָׂה בְּחִינַת חֵן, עַל־יְדֵי־זֶה נַעֲשָׂה בְּחִינַת תָּ"ו, **שֶׁהוּא** לְשׁוֹן חֲקִיקָה וּרְשִׁימָה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (יְחֶזְקֵאל ט): "וְהִתְוִיתָ תָּו", כִּי עַל־יְדֵי הַחֵן נֶחְקָק וְנִרְשָׁם מָקוֹם בְּלֵב הַמִּתְבַּקֵּשׁ לְקַבֵּל הַבַּקָּשָׁה, כִּי עַל־יְדֵי הַחֵן נִתְקַבְּלוּ דְּבָרָיו, **נִמְצָא**, שֶׁבְּחִינַת הַחֵן חָקַק מָקוֹם בְּלֵב זֶה שֶׁמְּבַקְּשִׁין מִמֶּנּוּ, כְּדֵי שֶׁיִּכָּנְסוּ דְּבָרָיו בְּלִבּוֹ, וִיקַבֵּל בַּקָּשָׁתוֹ, וְהַחֲקִיקָה וּרְשִׁימָה זֶה בְּחִינַת תָּ"ו כַּנַּ"ל. וְזֶהוּ (קֹהֶלֶת ט): "דִּבְרֵי חֲכָמִים בְּנַחַת נִשְׁמָעִים", "נַחַת" **דַּיְקָא**, הַיְנוּ בְּחִינַת חֵן הַנַּ"ל

פוּן גַשְמִיוּת – רוּחָנִיוּת, מֶען זוּכְט דֶעם אֵייבֶּערְשְטְן אִין יֶעדֶע זַאךְ, מֶען ווִיל נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְטְן, וְנַעֲשָׂה בְּחִינַת חֵן אוּן עֶס וֶוערְט דֶערְפוּן דִי וָוארְט חֵן דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען לֶערְנְט אוּן מֶען דַאוֶוענְט, דַאן קוּמְט מֶען צוּ צוּ דִי גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגָה – עַל יְדֵי זֶה נַעֲשָׂה בְּחִינַת תָּי"ו עֶס שַיינְט אוֹיף אִים דִי לִיכְטִיגְקֵייט פוּן דִי 'ת' עוֹלָמוֹת דִכְסִיפִין', דִי פִיר הוּנְדֶערְט וֶועלְטְן. **שֶׁהוּא לְשׁוֹן חֲקִיקָה וּרְשִׁימָה** תָּי"ו אִיז אַ לָשוֹן פוּן אַיינְקְרִיצְן, כְּמוֹ **שֶׁכָּתוּב** אַזוֹי ווִי עֶס שְטֵייט (יְחֶזְקֵאל ט, ד): **'וְהִתְוִיתָ תָּו'** זָאלְסְט אַיינְקְרִיצְן אַ תָּי"ו, **כִּי עַל יְדֵי הַחֵן** ווַייל וֶוען מֶען הָאט חֵן, **נֶחְקָק וְנִרְשָׁם מָקוֹם** וֶוערְט אַיינְגֶעקְרִיצְט אַ פְּלַאץ, **בְּלֵב הַמִּתְבַּקֵּשׁ** אִין הַארְץ פוּן דֶעם וֶועם מֶען בֶּעט, **לְקַבֵּל הַבַּקָּשָׁה** עֶר זָאל אָנְנֶעמֶען דִי בַּקָּשָׁה, **כִּי עַל יְדֵי הַחֵן נִתְקַבְּלוּ דְּבָרָיו** ווַייל אַז עֶס אִיז דָא חֵן נֶעמְט מֶען אָן זַיינֶע ווֶערְטֶער; צוּ דֶעם אַלֶעם קוּמְט מֶען צוּ אוֹיבּ מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה.

**נִמְצָא** קוּמְט אוֹיס פוּן דֶעם, **שֶׁבְּחִינַת הַחֵן** אַז וֶוען עֶס אִיז דָא חֵן, **חָקַק מָקוֹם** וֶוערְט אַרַיינְגֶעקְרִיצְט פְּלַאץ, **בְּלֵב זֶה שֶׁמְּבַקְּשִׁין מִמֶּנּוּ** אִינֶעם הַארְץ פוּן דֶעם פוּן וֶועם מֶען בֶּעט, **כְּדֵי שֶׁיִּכָּנְסוּ דְּבָרָיו בְּלִבּוֹ, וִיקַבֵּל בַּקָּשָׁתוֹ, וְהַחֲקִיקָה וּרְשִׁימָה זֶה בְּחִינַת תָּי"ו כַּנַּ"ל** אוּן עֶס גֵייט אַרַיין דִי וֶוערְטֶער אִין זַיין הַארְץ, אוּן עֶר נֶעמְט אָן דִי גֶעבֶּעט.

**אַזוֹי** אוֹיךְ, וֶוען מֶען לֶעבְּט מִיט'ן בַּאשֶעפֶער, מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה אוּן מֶען אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד; וֶוערְט אַיינְגֶעקְרִיצְט דוּרְכְדֶעם אַ פְּלַאץ אוֹיבְן אִין הִימְל, מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ דִי פִיר הוּנְדֶערְט עוֹלָמוֹת, מֶען אִיז גְרֵייט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין פַאר'ן בַּאשֶעפֶער יֶעדֶע רֶגַע.

**וְזֶהוּ** דָאס אִיז פְּשַט וָואס שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (קֹהֶלֶת ט, יז): **'דִּבְרֵי חֲכָמִים'** דִי רֵייד פוּן חֲכָמִים, **'בְּנַחַת'** וָואס וֶוערְן גֶעזָאגְט מִיט אַ שְטִילֶע גֶעלַאסֶענֶע שְטִימֶע, **'נִשְׁמָעִים'** וֶוערְן דֶערְהֶערְט אוּן אָנְגֶענוּמֶען; **'נַחַת דַּיְקָא'** פַארְוָואס וֶוערְן זַייעֶרֶע וֶוערְטֶער דֶערְהֶערְט? ווַייל עֶס אִיז בְּנַחַת. **הַיְנוּ בְּחִינַת חֵן הַנַּ"ל** דִי חֲכָמִים וָואס זֶענֶען מְקַשֵּׁר דִי אוֹת ח מִיט דִי אוֹת נ, זֵיי לֶעבְּן מִיט דִי

מַחֲשָׁבָה פוּן צַאמֶענְעמֶען דִי וֶועלְט מִיט יֶענֶע וֶועלְט; דִי וֶועלְט וָואס אִיז מִיטְ'ן אוֹת נ, אוּן יֶענֶע וֶועלְט וָואס אִיז מִיט דִי אוֹת ח, וְהַת הַנַּ"ל, דוּרְךְ דֶעם זֶענֶען זַיי זוֹכֶה צוּ בֶּענְקֶען אוּן גְלִיסְטְן צוּם אֵ י י בֶּ ע ר שְׁ טְ ן מִיט אַ שְׁטַארְקֶע בֶּענְקְשַׁאפְט, בִּיז זַיי זֶענֶען זוֹכֶה צוּ דִי פִיר הוּנְדֶערְט וֶועלְטְן, וְעַל יְדֵי זֶה נַעֲשֶׂה אוֹתִיּוֹת נַחַת, וְאָז נִשְׁמָעִים דְּבָרָיו וְנִתְקַבֵּל בַּקָּשָׁתוֹ כַּנַּ"ל עֶס וֶוערְן אָנְגֶענוּמֶען זַייעֶרֶע תְּפִילוֹת אוּן בַּקָשׁוֹת.

**וְהַת הַנַּ"ל, וְעַל־יְדֵי־זֶה נַעֲשֶׂה אוֹתִיּוֹת נַחַת, וְאָז נִשְׁמָעִים דְּבָרָיו, וְנִתְקַבֵּל בַּקָּשָׁתוֹ כַּנַּ"ל:**

**וְעַל־כֵּן יַעֲקֹב שֶׁהוּא בְּחִינַת הַשֵּׂכֶל כַּנַּ"ל, עַל־כֵּן זָכָה לְחֵן, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (בְּרֵאשִׁית לג): "כִּי חַנַּנִי אֱלֹקִים" וְכוּ', וְעַל־כֵּן בֵּרַךְ אֶת הַשְּׁבָטִים בְּחֵן, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (שָׁם): "הַיְלָדִים אֲשֶׁר חָנַן" וְכוּ', וּבִנְיָמִין לֹא הָיָה אָז, וְעַל־כֵּן בֵּרְכוֹ יוֹסֵף בְּחֵן, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (שָׁם מג): "אֱלֹקִים יָחְנְךָ בְּנִי".**

**וְעַל כֵּן יַעֲקֹב** וֶועגְן דֶעם גֶעפוּנֶען מִיר בַּיי יַעֲקֹב אָבִינוּ, **שֶׁהוּא בְּחִינַת הַשֵּׂכֶל כַּנַּ"ל** וָואס עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַזַא הֵיילִיגְקֵייט, עֶר הָאט גֶעזֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין יֶעדֶע זַאךְ – **עַל כֵּן זָכָה לְחֵן** וֶועגְן דֶעם הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ הָאבְּן חֵן, **כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (בְּרֵאשִׁית לג, יא): **'כִּי חַנַּנִי אֱלֹקִים וְכוּ''** – אִיךְ הָאבּ גֶעפוּנֶען חֵן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ חֵן, **וְעַל כֵּן בֵּרַךְ אֶת הַשְּׁבָטִים בְּחֵן** דֶערְפַאר הָאט עֶר גֶעבֶּענְטְשְׁט זַיינֶע קִינְדֶער, דִי שְׁבָטִים – מִיט חֵן, **כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (שָׁם): **'הַיְלָדִים אֲשֶׁר חָנַן וְכוּ''** וֶוען עֵשָׂו הָאט גֶעפְרֶעגְט יַעֲקֹב 'וֶוער זֶענֶען דִי קִינְדֶער?' עֵשָׂו הָאט גֶעוָואלְט טְשֶׁעפֶּען יַעֲקֹב, עֶר הָאט זַיי גֶעוָואלְט אָפְּרַייסְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; עֵשָׂו לֵייקֶנְט אִינֶעם בַּאשֶׁעפֶער, עֶר לֵייקֶנְט אַז דֶער אֵ י י בֶּ ע ר שְׁ טֶ ע ר הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט, הָאט אִים יַעֲקֹב אָבִינוּ – וָואס אִיז אַלֶעס מְקֻשָּׁר צוּם שֵׂכֶל – גֶעזָאגְט: "דִי קִינְדֶער, 'אֲשֶׁר חָנַן' – הָאבְּן חֵן, אִיךְ הָאבּ אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין זַיי דִי אוֹת ח מִיט דִי אוֹת נ, זַיי זָאלְן לֶעבְּן שְׁטֶענְדִיג מִיטְ'ן בַּאשֶׁעפֶער, זַיי וֶועסְטוּ נִישְׁט קֶענֶען שֶׁטֶעדִיגְן; אִידִישֶׁע קִינְדֶער לֶעבְּן מִיטְ'ן בַּאשֶׁעפֶער".

**וּבִנְיָמִין לֹא הָיָה אָז** בִּנְיָמִין אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען דֶעמָאלְט, **וְעַל כֵּן בֵּרְכוֹ יוֹסֵף בְּחֵן** דֶעְרִיבֶּער הָאט אִים יוֹסֵף הַצַּדִּיק גֶעבֶּענְטְשְׁט מִיט חֵן, **כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (שָׁם מג, כט): **'אֱלֹקִים יָחְנְךָ בְּנִי'** – דוּ זָאלְסְט טְרֶעפְן חֵן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**וְדַוְקָא יוֹסֵף הָיָה יָכוֹל לְבָרְכוֹ בְּחֵן, כִּי יוֹסֵף הָיָה כָּלוּל בְּיוֹתֵר מִבְּחִינַת יַעֲקֹב, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** (שָׁם לז): **"אֵלֶּה תֹּלְדוֹת יַעֲקֹב יוֹסֵף", כִּי הוּא הָיָה עִקַּר תּוֹלְדוֹתָיו, כִּי יַעֲקֹב וְיוֹסֵף כְּחַדָא חֲשִׁיבֵי. וְעַל־כֵּן נֶאֱמַר בְּיוֹסֵף** (דְּבָרִים לג): **"בְּכוֹר שׁוֹרוֹ הָדָר לוֹ", "בְּכוֹר", הוּא בְּחִינַת הַשֵּׂכֶל כַּנַּ"ל וְזֶהוּ "שׁוֹרוֹ", לְשׁוֹן הִסְתַּכְּלוּת, כִּי צְרִיכִין לְהִסְתַּכֵּל בְּהַשֵּׂכֶל שֶׁיֵּשׁ בְּכָל דָּבָר כַּנַּ"ל. וְזֶהוּ "הָדָר לוֹ", תַּרְגֵּם אוּנְקְלוֹס: זִיו לֵיהּ, לְשׁוֹן אוֹר, כִּי הַשֵּׂכֶל מֵאִיר לוֹ בְּכָל דָּבָר, אֲפִלּוּ בְּמָקוֹם שֶׁהָיָה אָפֵל וְחֹשֶׁךְ,**

יוֹסֵף הָאט דִי מַדְרֵיגָה פוּן יַעֲקֹב

**וְדַוְקָא יוֹסֵף הָיָה יָכוֹל לְבָרְכוֹ בְּחֵן** דֶערְפַאר הָאט נָאר יוֹסֵף הַצַּדִּיק גֶעקֶענְט בֶּענְטְשְׁן מִיט אַזַא בְּרָכָה, פוּן הָאבְּן חֵן, **כִּי יוֹסֵף הָיָה כָּלוּל בְּיוֹתֵר מִבְּחִינַת יַעֲקֹב** ווייל יוֹסֵף הַצַּדִּיק הָאט גֶעהַאט דָאס מֶערְסְטֶע פוּן יַעֲקֹב אָבִינוּ, **כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (שָׁם לז, ב): **'אֵלֶּה תֹּלְדוֹת יַעֲקֹב יוֹסֵף'**, דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה פד, ו) אַלֶעס וָואס אִיז אַרִיבֶּער אוֹיף יַעֲקֹב – אִיז אַרִיבֶּער אוֹיף יוֹסֵף, **כִּי הוּא הָיָה עִקַּר תּוֹלְדוֹתָיו** יוֹסֵף אִיז גֶעוֶוען דָאס מֶערְסְטֶע אַזוֹי ווִי יַעֲקֹב, **כִּי יַעֲקֹב וְיוֹסֵף כְּחַדָא חֲשִׁיבֵי** בֵּיידֶע צַדִּיקִים, יַעֲקֹב אָבִינוּ אוּן יוֹסֵף הַצַּדִּיק זֶענֶען גֶעוֶוען בַּיי דִי זֶעלְבֶּע מַדְרֵגָה, **וְעַל כֵּן נֶאֱמַר בְּיוֹסֵף** דֶערְפַאר שְׁטֵייט בַּיי יוֹסֵף הַצַּדִּיק (דְּבָרִים לג, יז): **'בְּכוֹר שׁוֹרוֹ הָדָר לוֹ'** יוֹסֵף הַצַּדִּיק הָאט אוֹיךְ גֶעהַאט דִי עֲבוֹדָה פוּן זוּכְן אִין יֶעדֶע זַאךְ דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, דִי עֲבוֹדָה פוּן יַעֲקֹב אָבִינוּ, וָואס דֶער רֶבִּי רוּפְט אָן אוֹיבְּן 'בְּכוֹרָה', **'בְּכוֹר' הוּא בְּחִינַת הַשֵּׂכֶל כַּנַּ"ל** דִי עֲבוֹדָה פוּן לֶעבְּן מִיטְ'ן בַּאשֶׁעפֶער, זוּכְן דִי שֵׂכֶל אִין יֶעדֶע זַאךְ – דָאס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן 'בְּכוֹר', **וְזֶהוּ 'שׁוֹרוֹ', לְשׁוֹן הִסְתַּכְּלוּת** דָאס וָוארְט 'שׁוֹר' מֵיינְט קוּקְן, יוֹסֵף הַצַּדִּיק הָאט גֶעקוּקְט אוּן גֶעזוּכְט אִין יֶעדֶע זַאךְ דֶעם 'בְּכוֹר', דֶעם 'רֵאשִׁית חָכְמָה יִרְאַת ה''.

**כִּי צְרִיכִין לְהִסְתַּכֵּל בְּהַשֵּׂכֶל שֶׁיֵּשׁ בְּכָל דָּבָר כַּנַּ"ל** ווייל אַ אִיד דַארְף אִין יֶעדֶע זַאךְ זוּכְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער; יוֹסֵף הַצַּדִּיק הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ דֶעם. **וְזֶהוּ הָדָר לוֹ, תַּרְגֵּם אוּנְקְלוֹס: זִיו לֵיהּ** דִי תַּרְגוּם זָאגְט אוֹיף 'הָדָר לוֹ' – 'זִיו לֵיהּ', **לְשׁוֹן אוֹר** אַ לָשׁוֹן פוּן לִיכְטִיגְקֵייט, **כִּי הַשֵּׂכֶל מֵאִיר לוֹ בְּכָל דָּבָר** ווייל וֶוען מֶען זוּכְט אִין יֶעדֶע זַאךְ דֶעם בַּאשֶׁעפֶער – וֶוערְט לִיכְטִיג, עֶס שַׁיינְט; אֱמוּנָה מַאכְט לִיכְטִיג. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גְלֵייבְּט אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָא, אֲפִילוּ אִין דִי פְּרָאבְּלֶעם, אַלֶעס אִיז פוּן אִים – וֶוערְט אִים לִיכְטִיג. **אֲפִלּוּ בְּמָקוֹם שֶׁהָיָה אֹפֶל וְחֹשֶׁךְ** אֲפִילוּ עֶס זֶעט אִים אוֹיס פִינְסְטֶער אוּן טוּנְקְל, עֶס אִיז אִים בִּיטֶער שְׁוֶוער, עֶר

סימן א'

הָאט שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת – מֵאִיר לוֹ הַשֵּׂכֶל שַׁיינְט אִים דִי אֱמוּנָה, כְּשֶׁזּוֹכֶה לְהִסְתַּכֵּל עַל הַשֵּׂכֶל שֶׁיֵּשׁ שָׁם בְּכָל דָּבָר, וֶוען מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה; דִי טוּנְקֶלְקֵייט מַאכְט אִים וֶוערְן נֶענְטֶער צוּם בַּאשֶׁעפֶער.

**וּמְקָרֵב אוֹתוֹ** לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ דָאס אִיז דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ אִיד, וֶוען עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, מֶען פְּרוּבִּירְט אִים אוֹיס מִיט יְסוּרִים וְכוּ' - לוֹיפְט עֶר צוּם בַּאשֶׁעפֶער, עֶר גְלֵייבְּט אַז דָאס אִיז פַאר זַיין אֵייבִּיגֶע טוֹבָה, עֶר טוּט תְּשׁוּבָה, אוּן עֶס וֶוערְט אִים לִיכְטִיג.

**צוּ** דֶעם הָאט יוֹסֵף הַצַּדִּיק זוֹכֶה גֶעוֶוען, עֶר הָאט גֶעהַאט דִי שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת בַּיי פּוֹטִיפַר אִין שְׁטוּב, יוֹסֵף אִיז גֶעוֶוען אִין אַ טוּנְקֶעלֶע פְּלַאץ, דַוְקָא דָארְט הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען זִיךְ צוּ מִתְגַּבֵּר זַיין אוּן צוּ מְקַדֵּשׁ זַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס נָאמֶען.

**[עֶס** וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין סֵפֶר 'חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן' (סִימָן ה) דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אַז רַבָּה בַּר בַּר חָנָה אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אִים אוּן אִים פָּארְגֶעהַאלְטְן, פַארְוָואס עֶר לֵייגְט נִישְׁט צוּ הַארְץ צוּ זַיינֶע וֶוערְטֶער, אוּן הָאט אִים גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל צוּלֵייגְן הַארְץ אוּן אַרֵיינְטְרַאכְטְן פְּשַׁט אִין זַיינֶע וֶוערְטֶער, אוּן עֶר וֶועט אִים אַנְטְפְּלֶעקְן ווּאוּנְדֶערְלִיכֶע זַאכְן, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט טַאקֶע דֶעמָאלְט אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן תּוֹרָה אוֹיף דִי הֵיילִיגֶע מַאֲמָרִים פוּן רַבָּה בַּר בַּר חָנָה.

**דָא** גֵייט דֶער רֶבִּי זָאגְן פְּשַׁט אִין אֵיין מַאֲמַר פוּן רַבָּה בַּר בַּר חָנָה, גֶעבּוֹיט אוֹיף דִי תּוֹרָה וָואס עֶר הָאט יֶעצְט אַנְטְפְּלֶעקְט]

**מֵאִיר לוֹ הַשֵּׂכֶל, כְּשֶׁזּוֹכֶה לְהִסְתַּכֵּל עַל הַשֵּׂכֶל שֶׁיֵּשׁ שָׁם בְּכָל דָּבָר, וּמְקָרֵב אוֹתוֹ לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ.**

**וְזֶה פֵּרוּשׁ מַה שֶּׁאָמַר רַבָּה בַּר בַּר חָנָה (בָּבָא בַּתְרָא עג.): 'הַאי גַּלָּא דְּמַטְבַּע לִסְפִינְתָּא מִתְחַזֵּי כִּי צוּצִיתָא דְּנוּרָא חִוַּרְתָּא בְּרֵישֵׁיהּ:**

**פֵּרֵשׁ רַשְׁבַּ"ם: 'אֵשׁ לְבָנָה, וּמַלְאָךְ מַזִּיק הוּא'. וּמָחֵינַן לֵיהּ בְּאַלְוָתָא דְּחָקִיק עֲלֵיהּ "אֶהְיֶה אֲשֶׁר אֶהְיֶה":**

אַ שִׁיף דֶערְטְרֶענְקְט זִיךְ

**וְזֶה** פֵּרוּשׁ מַה שֶּׁאָמַר רַבָּה בַּר בַּר חָנָה דָאס אִיז וָואס רַבָּה בַּר בַּר חָנָה הָאט גֶעזָאגְט (בָּבָא בַּתְרָא עג.): 'הַאי גַּלָּא' עֶס אִיז דָא אַ וַואל, 'דְּמַטְבַּע' וָואס ווִיל אַיינְזִינְקֶען, 'לִסְפִינְתָּא' דִי שִׁיף; 'מִתְחַזֵּי' דִי וַואל זֶעט אוֹיס, 'כִּי צוּצִיתָא דְּנוּרָא חִוַּרְתָּא בְּרֵישָׁא' ווִי אַ מַלְאָךְ פוּן וַוייסֶע בְּרֶענֶעדִיגֶע פֵייעֶר, (פֵּרֵשׁ רַשְׁבַּ"ם דֶער רַשְׁבַּ"ם גֶעבְּט צוּ פַארְשְׁטֵיין: 'אֵשׁ לְבָנָה וּמַלְאָךְ מַזִּיק הוּא' דָאס אִיז אַ שְׁלֶעכְטֶע מַלְאָךְ אִין אַ גֶעשְׁטַאלְט פוּן אַ וַוייסֶע פֵייעֶר), 'וּמָחֵינַן לֵיהּ' מֶען צֶעקְלַאפְּט דִי וַואל וָואס ווִיל אַיינְשְׁלִינְגֶען דִי שִׁיף, 'בְּאַלְוָתָא' מִיט אַ שְׁטֶעקְן, 'דְּחָקִיק עֲלֵיהּ אֶהְיֶה אֲשֶׁר אֶהְיֶה'

וָואס אִיז אַיינְגֶעקְרִיצְט אִין אִיר דִי שֵׁמוֹת אֶהְיֶ' אֲשֶׁר אֶהְיֶ'.

### דֶער יֵצֶר הָרָע וִויל מִיךְ דֶערְטְרֶענְקֶען

**גַּלָּא, הוּא הַיֵּצֶר הָרָע. 'דְּמַטְבַּע לִסְפִינְתָּא', הוּא הַחֵן וְהַחֲשִׁיבוּת, לְשׁוֹן סָפוּן וְחָשׁוּב, כִּי הַיֵּצֶר הָרָע רוֹצֶה לְהַטְבִּיעַ וּלְהַשְׁפִּיל, חַס וְשָׁלוֹם, בְּחִינַת הַחֵן וְהַחֲשִׁיבוּת שֶׁל יִשְׂרָאֵל, בְּחִינַת מַלְכוּת דִּקְדֻשָּׁה. 'וּמִתְחַזֵּי כִּי צוּצִיתָא דְּנוּרָא חִוַּרְתָּא בְּרֵישֵׁיהּ' כִּי מִתְּחִלָּה הַיֵּצֶר הָרָע מִתְלַבֵּשׁ עַצְמוֹ בְּמִצְווֹת, וּמַטְעֶה אֶת הָאָדָם כְּאִלּוּ מְסִיתוֹ לַעֲשׂוֹת מִצְוָה.**

יֶעצְט גֵייט דֶער רֶבִּי אַרַיינְלֵייגְן דִי אַלֶע וואוּנְדֶערְלִיכֶע זַאכְן אִין דִי וֶוערְטֶער פוּן רַבָּה בַּר בַּר חָנָה: 'גַּלָּא' הוּא הַיֵּצֶר הָרָע דִי וַואל וָואס רַבָּה בַּר בַּר חָנָה רֶעדְט – דָאס אִיז דֶער יֵצֶר הָרָע, 'דְּמַטְבַּע לִסְפִינְתָּא' דֶער יֵצֶר הָרָע וִויל אַיינְזִינְקֶען דִי שִׁיף, הוּא הַחֵן וְהַחֲשִׁיבוּת דֶער יֵצֶר הָרָע וִויל אָפְּרַייסְן דֶעם אִיד פוּנֶעם בַּאשֶׁעפֶער, אִים דֶערְטְרֶענְקֶען, 'סְפִינָה' אִיז לְשׁוֹן סָפוּן וְחָשׁוּב אַ לָשׁוֹן פוּן חֲשִׁיבוּת, סְפִינָה מֵיינְט מֶען דָאס חֲשִׁיבוּת, כִּי הַיֵּצֶר הָרָע רוֹצֶה לְהַטְבִּיעַ וּלְהַשְׁפִּיל, חַס וְשָׁלוֹם, בְּחִינַת הַחֵן וְהַחֲשִׁיבוּת שֶׁל יִשְׂרָאֵל דֶער יֵצֶר הָרָע וִויל אַוֶועקְנֶעמֶען דִי חֲשִׁיבוּת פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, בְּחִינַת מַלְכוּת דִּקְדֻשָּׁה עֶר וִויל אַוֶועקְנֶעמֶען דֶעם אִיד פוּנֶעם בַּאשֶׁעפֶער, 'וּמִתְחַזֵּי כִּי צוּצִיתָא דְּנוּרָא חִוַּרְתָּא בְּרֵישָׁא' עֶר קוּמְט צוּם מֶענְטְשׁ אַזוֹי וִוי אַ מַלְאָךְ פוּן וַוייסֶע פֵייעֶר, כִּי מִתְּחִלָּה הַיֵּצֶר הָרָע מִתְלַבֵּשׁ עַצְמוֹ בְּמִצְווֹת דֶער יֵצֶר הָרָע פַארְשְׁטֶעלְט זִיךְ אִין מִצְוֹת, עֶר קוּמְט צוּם מֶענְטְשׁ וִוי אַ בְּרֶענֶעדִיגֶע וַוייסֶע מַלְאָךְ, עֶר רֶעדְט אַיין דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ טוּן עֲבֵירוֹת כְּאִילוּ עֶס אִיז אַ מִצְוָה, צוּם בֵּיישְׁפִּיל, עֶר זָאגְט עֶס אִיז אַ מִצְוָה צוּ זַיין צֶעבְּרָאכְן, עֶס אִיז אַ מִצְוָה נִישְׁט צוּ הַאלְטְן פוּן זִיךְ, לֵב נִשְׁבָּר אִיז דִי הֶעכְסְטֶע זַאךְ!

עֶס אִיז טַאקֶע אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, אַ לֵב נִשְׁבָּר, אָבֶער נִישְׁט וֶוען עֶס קוּמְט פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע; וַוייל עֶר וִויל נִישְׁט דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן לֵב נִשְׁבָּר, עֶר וִויל דִי יֵאוּשׁ, דֶער מֶענְטְשׁ זָאל אָפְּלָאזְן דָאס לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, עֶר זָאל טְרַאכְטְן דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת 'אִיךְ בִּין שׁוֹין סֵיי וִוי גָארְנִישְׁט וֶוערְד', אָבֶער בֶּאֱמֶת אִיז אַ אִיד זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַ אִיד אִיז זֵייעֶר בַּא'חֵנְ'ט בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער בַּאשֶׁעפֶער פְרֵיידְט זִיךְ מִיט יֶעדְן אִיד, אֲפִילוּ וֶוען מֶען אִיז נָאךְ וַוייט פוּן דִי קְדוּשָּׁה – אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב דִי מִצְוֹת וָואס מֶען טוּט, יֶעדֶע מִצְוָה הָאט חֵן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**וּמַטְעֶה אֶת הָאָדָם** דֶער יֵצֶר הָרָע נַארְט אוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ, **כְּאִלּוּ מְסִיתוֹ לַעֲשׂוֹת מִצְוָה** וִוי גְלַייךְ עֶר רֶעדְט אִים אַיין צוּ טוּן אַ מִצְוָה, צוּם בֵּיישְׁפִּיל מַחֲלֹקֶת; עֶר רֶעדְט אַיין

**וְזֶהוּ בְּחִינַת צוּצִיתָא דְנוּרָא חִוַּרְתָּא 'אֵשׁ לְבָנָה', אַף־עַל־פִּי־כֵן 'מַלְאָךְ מַזִּיק הוּא':**

**'וּמָחִינָן לֵיהּ בְּאַלְוָתָא דְּחָקִיק עֲלֵהּ אֶהְיֶה' וְכוּ', הַיְנוּ שֶׁעִקַּר הַכְנָעָתוֹ שֶׁל הַיֵּצֶר־הָרָע הוּא עַל־יְדֵי הַתּוֹרָה, שֶׁהִיא כֻּלָּהּ שְׁמוֹתָיו שֶׁל הַקָּדוֹשׁ־ בָּרוּךְ־הוּא,**

אַז עֶס אִיז אַ מִצְוָה צוּ רוֹדְפ'ן דֶעם אָדֶער יֶענֶעם - לְשֵׁם שָׁמַיִם, דוּרְךְ אַוֶועקְנֶעמֶען דִי חֵן אוּן חֲשִׁיבוּת פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אָבֶער עֶס אִיז נִישְׁט אֱמֶת; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ יֶעדְן אִיד, יֶעדֶער אִיד אִיז פוּל מִיט חֵן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן. **וְזֶהוּ בְּחִינַת 'צוּצִיתָא דְּנוּרָא חִוַּרְתָּא', אֵשׁ לְבָנָה** דָאס אִיז דִי וַואל פוּן וָואס רַבָּה בַּר בַּר חָנָה רֶעדְט, דֶער יֵצֶר הָרָע טוּט זִיךְ אָן אַ וַוייסֶע בֶּעקִיטְשֶׁע, עֶר זֶעט אוֹיס וִוי אַ מַלְאָךְ אוּן אַזוֹי ווִיל עֶר דֶערְטְרֶענְקֶען, אַוֶועק נֶעמֶען - דִי חֵן אוּן חֲשִׁיבוּת פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער בִּכְלָלִיּוּת, אוּן בִּפְרָטִיּוּת פוּנֶעם מֶענְטְשׁ פֶּערְזֶענְלִיךְ אַז עֶר זָאל זִיךְ אַלֵיינְס אַרָאפְּקְלַאפְּן, **אַף עַל פִּי כֵן מַלְאָךְ מַזִּיק הוּא** אָבֶער עֶר וִויל נָאר אֵיין זַאךְ, אַוֶועקְנֶעמֶען דֶעם מֶענְטְשׁ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**'וּמַחִינָן לֵיהּ'** מֶען שְׁלָאגְט דִי וַואל, **'בְּאַלְוָתָא'** מִיט אַ שְׁטֶעקְן, **'דְּחָקִיק עֲלֵהּ אֶהְיֶה וְכוּ''** וָואס עֶס אִיז אוֹיסְגֶעקְרִיצְט דֶערוֹיף דִי שֵׁמוֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

#### תּוֹרָה רַאטֶעוֶועט

**דָא** אִיז דֶער רֶבִּי מְגַלֶּה פַאר אוּנְז וִוי אַזוֹי מֶען קֶען גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן

פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע וָואס ווִיל אַוֶועקְנֶעמֶען אוּנְזֶער חֵן אוּן חֲשִׁיבוּת:

**הַיְנוּ שֶׁעִקַּר הַכְנָעָתוֹ שֶׁל הַיֵּצֶר הָרָע** דֶער וֶועג וִוי אַזוֹי מִיר קֶענֶען אוּנְטֶערְטֶענִיגְן דֶעם יֵצֶר הָרָע, **הוּא עַל יְדֵי הַתּוֹרָה** אִיז דוּרְךְ לֶערְנֶען תּוֹרָה; מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה, **שֶׁהִיא כֻּלָּהּ שְׁמוֹתָיו שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא** דִי תּוֹרָה אִיז פוּל מִיט שֵׁמוֹת פוּנֶעם בַּאשֶׁעפֶער.

**וֶוען** מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה וֶוערְט מֶען גֶעראַטֶעוֶועט פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (קִידּוּשִׁין ל.): 'בָּרָאתִי יֵצֶר הָרָע' אִיךְ הָאבּ בַּאשַׁאפְן דֶעם יֵצֶר הָרָע, 'וּבָרָאתִי לוֹ תּוֹרָה תַּבְלִין' אִיךְ הָאבּ בַּאשַׁאפְן דִי תּוֹרָה אַנְטְקֶעגְן אִים, 'אִם אַתֶּם עוֹסְקִין בַּתּוֹרָה' אוֹיבּ אִיר לֶערְנְט תּוֹרָה, 'אֵין אַתֶּם נִמְסָרִים בְּיָדוֹ' וֶועט אִיר נִישְׁט אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן וֶוערְן אוּנְטֶער זַיינֶע הֶענְט; תּוֹרָה רַאטֶעוֶועט פוּן אַלֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת.

**נָאךְ** זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (תַּנָּא דְּבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּא, פֶּרֶק יח): 'בֹּא וּרְאֵה כַּמָּה גְּדוֹלָה כֹּחָהּ שֶׁל הַתּוֹרָה' קוּם אוּן זֶע דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן תּוֹרָה, 'שֶׁמְּטַהֶרֶת אֶת

### סימן א'

פּוֹשְׁעֵי יִשְׂרָאֵל בִּזְמַן שֶׁעוֹשִׂין תְּשׁוּבָה אֲפִילוּ מֵעֲבוֹדָה זָרָה שֶׁבְּיָדָם' די תּוֹרָה רֵיינִיגְט פון אַלֶע עֲבֵירוֹת, אֲפִילוּ אויבּ אֵיינֶער איז חַס וְשָׁלוֹם אַרָאפְּגֶעפַאלְן אין דָאס עֶרְגְסְטֶע, אִין עֲבוֹדָה זָרָה; אויבּ טוּט מֶען תְּשׁוּבָה און מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה – וֶוערְט מֶען רֵיין.

**וְהַתּוֹרָה הִיא בְּחִינַת וָא"ו** די תּוֹרָה איז אַזוֹי ווי דֶער אוֹת ו', **כִּי הַלּוּחוֹת** ווייל די לוּחוֹת, **אָרְכָּן וָי"ו** זֶענֶען גֶעוֶוען אין די לֶענְג זֶעקְס טְפָחִים, **וְרָחְבָּן וָי"ו** (בָּבָא בַּתְרָא יד.) און אִין די בְּרֵייט זֶעקְס טְפָחִים, **וְזֶהוּ בְּחִינַת 'אַלְוָתָא'** דָאס איז די שְׁטֶעקְן וָואס רַבָּה בַּר בַּר חָנָה רֶעדְט, **דְּהַיְנוּ מַקְלוֹת, 'דְּחָקִיק עֲלֵהּ אֶהְיֶה וְכוּ'', הַיְנוּ שֵׁמוֹת** די שְׁטֶעקְן וָואס איז אַיינְגֶעקְרִיצְט אִין איר שֵׁמוֹת פוּנֶעם אייבֶּערְשְׁטְן, **בְּחִינַת הַתּוֹרָה** דָאס מֵיינְט מֶען די תּוֹרָה, **שֶׁהִיא בְּחִינַת וָי"ו** וָואס איז אַ ו', **וְהַוָּי"ו הוּא צוּרַת מַקֵּל** די אוֹת ו' זֶעט אוֹיס ווי אַ שְׁטֶעקְן (אַזוֹי די תּוֹרָה איז אַזוֹי ווי אַ שְׁטֶעקְן), **וְהִיא**

וְהַתּוֹרָה הִיא בְּחִינַת וָא"ו, כִּי 'הַלּוּחוֹת אָרְכָּן וָי"ו וְרָחְבָּן וָי"ו' (בָּבָא בַּתְרָא יד.). וְזֶהוּ בְּחִינַת 'אַלְוָתָא', דְּהַיְנוּ מַקְלוֹת, דְּחָקִיק עֲלֵהּ אֶהְיֶה' וְכוּ', הַיְנוּ שֵׁמוֹת, בְּחִינַת הַתּוֹרָה, שֶׁהִיא בְּחִינַת וָי"ו, וְהַוָּי"ו הוּא צוּרַת מַקֵּל, וְהִיא כֻּלָּהּ שְׁמוֹתָיו שֶׁל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ. הַיְנוּ שֶׁהַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה הִיא מַכְנִיעַ אֶת הַיֵּצֶר הָרָע שֶׁרוֹצֶה לַעֲשׂוֹת אֶת הָאָדָם מְשֻׁגָּע מַמָּשׁ, חַס וְשָׁלוֹם, כִּי בַּעַל־עֲבֵרָה הוּא מְשֻׁגָּע, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (סוֹטָה ג.): 'אֵין אָדָם עוֹבֵר עֲבֵרָה אֶלָּא־אִם־כֵּן נִכְנַס בּוֹ רוּחַ־שְׁטוּת', וּכְמוֹ שֶׁהַמְּשֻׁגָּעִים צְרִיכִים לְהַכּוֹתָם

**כֻּלָּהּ שְׁמוֹתָיו שֶׁל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ** און די תּוֹרָה איז אֵיין שְׁטִיק שֵׁמוֹת פוּנֶעם אייבֶּערְשְׁטְן.

#### שְׁלָאג דֶעם יֵצֶר הָרָע מִיט די תּוֹרָה

**הַיְנוּ שֶׁהַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה הִיא מַכְנִיעַ אֶת הַיֵּצֶר הָרָע** די תּוֹרָה אוּנְטֶערְטֶעֲנִיגְט דֶעם יֵצֶר הָרָע, **שֶׁרוֹצֶה לַעֲשׂוֹת אֶת הָאָדָם מְשֻׁגָּע מַמָּשׁ חַס וְשָׁלוֹם** וָואס ווִיל מַאכְן דֶעם מֶענְטְשׁ מְשׁוּגָע חַס וְשָׁלוֹם, **כִּי בַּעַל עֲבֵרָה** ווייל דֶער וָואס טוּט עֲבֵירוֹת, **הוּא מְשֻׁגָּע** איז צֶעדְרֵייט, **כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה** אַזוֹי ווי די הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (סוֹטָה ג.): **'אֵין אָדָם עוֹבֵר עֲבֵרָה אֶלָּא אִם כֵּן נִכְנַס בּוֹ רוּחַ שְׁטוּת'** אַ מֶענְטְשׁ טוּט נִישְׁט קֵיין עֲבֵירוֹת נָאר אויבּ עֶס איז אִין אִים אַרַיין אַ צֶעדְרֵייטְקֵייט, קוּמְט אוֹיס אַז וֶוער עֶס זִינְדִיגְט איז צֶעדְרֵייט. **וּכְמוֹ שֶׁהַמְּשֻׁגָּעִים צְרִיכִים לְהַכּוֹתָם** אַזוֹי ווי די צֶעדְרֵייטֶע מֶענְטְשְׁן דַארְף מֶען שְׁלָאגְן, דָאס איז

**וְלָשׂוּם עֲלֵיהֶם שֵׁמוֹת, כְּמוֹ כֵן מַמָּשׁ הַתּוֹרָה שֶׁעוֹסְקִין הוּא בְּחִינַת מַקְלוֹת וְשֵׁמוֹת, שֶׁבָּזֶה מַכִּין וּמַכְנִיעִין אֶת הַיֵּצֶר הָרָע, וּמְגָרְשִׁין מִן הָאָדָם אֶת הַשִּׁגָּעוֹן וְהָרוּחַ שְׁטוּת שֶׁנִּכְנַס בּוֹ, בְּחִינַת 'וּמָחִינָן לֵיהּ בְּאַלְוָתָא, דְּחָקִיק עֲלֵיהּ שֵׁמוֹת' וְכוּ', כַּנַּ"ל.**

דִי שְׁפְּרַאךְ וָואס זֵיי פַארְשְׁטֵייעֶן, נָאר דוּרְךְ פֶּעטְשׁ פָּאלְגְן זֵיי, וְלָשׂוּם עֲלֵיהֶם שֵׁמוֹת אוּן מֶען טוּט זֵיי אָן מִיט קְמֵעוֹת אוּן שֵׁמוֹת – זֵיי צוּ הֵיילְן, כְּמוֹ כֵן מַמָּשׁ אַזוֹי אוֹיךְ אִיז – הַתּוֹרָה שֶׁעוֹסְקִין, הוּא בְּחִינַת מַקְלוֹת וְשֵׁמוֹת דִי תּוֹרָה; וֶוען מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה אִיז דָאס אַ שְׁטֶעקְן צוּ שְׁלָאגְן דֶעם יֵצֶר הָרָע, אוּן שֵׁמוֹת, שֶׁבָּזֶה מַכִּין וּמַכְנִיעִין אֶת הַיֵּצֶר הָרָע מִיט דִי תּוֹרָה שְׁלָאגְט מֶען דֶעם יֵצֶר הָרָע, וּמְגָרְשִׁין מִן הָאָדָם אֶת הַשִּׁגָּעוֹן וְהָרוּחַ שְׁטוּת שֶׁנִּכְנַס בּוֹ מֶען פַארְטְרַייבְּט דִי צֶעדְרֵייטֶע תַּאֲווֹת אִין וָואס דֶער מֶענְטְשׁ אִיז נֶעבֶּעךְ אַרַיינְגֶעפַאלְן, בְּחִינַת 'וּמָחִינָן לֵיהּ בְּאַלְוָתָא, דְּחָקִיק עֲלֵיהּ שֵׁמוֹת וְכוּ'' כַּנַּ"ל.

**אַזוֹי** ווִי דֶער רֶבִּי הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט): 'שֶׁאֲפִילּוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים' אֲפִילּוּ אַ מֶענְטְשׁ, 'הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד' וָואס אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּן קְדוּשָׁה, 'שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵירוֹת חַס וְשָׁלוֹם רַחֲמָנָא לִצְלַן', עֶר טוּט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלַן אוּן עֶר אִיז שׁוֹין אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּיּוֹת, 'אַף עַל פִּי כֵן' מִיט דֶעם אַלֶעם, 'הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ' דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס, 'עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם' אַז עֶס קֶען אִים אַרוֹיסְשְׁלֶעפְּן פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס, 'וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ – יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה' אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג "כַּךְ וְכַךְ", 'בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה, עַל יְדֵי הַתּוֹרָה' וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיין בְּלָאטֶע, 'כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד' וַוייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס, עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס; אוּן עֶס אִיז מְקוּבָּל פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, דָאס וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט 'מֶען זָאל מַאכְן אַ חֹק קָבוּעַ', דָאס מֵיינְט מֶען דִי לִימּוּד פוּן חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת בְּכָל יוֹם, מֶען זָאל זָאגְן יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, דָאס הַרְגְ'עט דֶעם יֵצֶר הָרָע.

**דָאס** אִיז דִי מַעֲשֶׂה וָואס רַבָּה בַּר בַּר חָנָה דֶערְצֵיילְט אוּנְז. דֶער יֵצֶר הָרָע וָואס וויל אִיבֶּערְדְרֵייעֶן דִי שִׁיף, עֶר וויל דֶערְטְרֶענְקֶען דֶעם אִיד, אִים צֶעבְּרֶעכְן, אִים אַוֶועקְנֶעמֶען דִי חֵן. אוֹיבּ מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה אִיז דָאס ווִי אַ שְׁטֶעקְן וָואס קְלַאפְּט אַרוֹיס דֶעם יֵצֶר הָרָע, אוֹיךְ אִיז דָאס אַ קַמֵיעַ וָואס הֵיילְט דֶעם מֶענְטְשׁ.

סימן א'

**וזהו:** "**אשרי** תמימי דרך", "**אשרי**" לשון הסתכלות. "תמימי דרך" בחינת (בראשית כה): "**יעקב איש תם**", **שהוא בחינת השכל כנ"ל, היינו לזכות להסתכל על השכל שיש בכל דבר, שהוא בחינת "יעקב איש תם" זה זוכין על־ידי התורה. וזהו: "ההולכים**

**די** תורה איז די שטעקן. אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (ויקרא רבה כה, א): 'משל למלך שאמר לבנו צא לפרקמטיא' א קעניג האט אמאל געזאגט פאר זיין זון ער זאל זיך לאזן אויף די וועלט מאכן געשעפטן, 'אמר לו אבא מתירא אני' האט דער קינד געזאגט צום קעניג: טאטע איך האב מורא 'בדרך מהלסטים' אויף די וועגן פון די רויבער, 'ובים מפני אפירטין' און איך האב מורא אויפ'ן וואסער פון די ים רויבער, 'מה עשה אביו' וואס האט דער טאטע געטון? 'נטל מקל' ער האט גענומען א שטעקן, 'וחקקו' ער האט אריינגעקריצט דעריין, 'ונתן בו קמיע' און אריינגעלייגט אין דעם א קמיע, 'ונתנה לבנו' ער האט דאס געגעבן פאר'ן קינד, 'ואמר לו' און אים געזאגט: 'יהי המקל הזה בידך' כאפ אן דעם שטעקן, 'ואי אתה מתירא משום בריה' וועסטו פון קיינעם נישט מורא האבן, 'אף כך' אזוי אויך, 'אמר הקדוש ברוך הוא למשה' האט דער אייבערשטער געזאגט פאר משה רבינו, 'אמר לישראל' זאג פאר די אידן, 'בני עסקו בתורה' מיינע קינדער, לערנט תורה, 'ואין אתם מתיראים משום אמה' וועט איר נישט מורא האבן פון קיין שום פאלק.

**וזהו** 'אשרי תמימי דרך' דאס איז אלעס מרומז אינעם פסוק 'אשרי תמימי דרך'; 'אשרי' **לשון הסתכלות** אשרי איז א לשון פון קוקן, 'תמימי דרך' **בחינת** (בראשית כה, כז): **'יעקב איש תם'** יעקב אבינו ווערט אנגערופן תם, **שהוא בחינת השכל כנ"ל** יעקב אבינו ווערט אנגערופן איש תם ווייל ער האט זיך אינגאנצן צוגעקלעבט צום באשעפער, ער האט אלץ געזוכט אין יעדע זאך דעם אייבערשטן, **היינו לזכות להסתכל על השכל שיש בכל דבר** ווי אזוי איז מען זוכה צו קומען צו די מדרגה, צו זען אין יעדע זאך דעם באשעפער? **שהוא בחינת 'יעקב איש תם'** וואס דאס איז די מדריגה פון יעקב אבינו; ווי אזוי איז מען זוכה צו דעם? **זה זוכין על ידי התורה** צו דעם איז מען זוכה אז מען לערנט תורה.

**וזהו** דאס זאגט דער פסוק, 'אשרי תמימי דרך'; ווי אזוי קומט מען צו 'אשרי' - זען, 'תמימי דרך' - אין יעדע זאך דעם אלקות שבו? **'ההולכים**

סימן א'

בְּתוֹרַת ה'', כִּי עַל־יְדֵי שֶׁלּוֹמֵד תּוֹרָה בְּכֹחַ, עַל־יְדֵי־זֶה נוֹתֵן כֹּחַ לַמַּלְכוּת דִּקְדֻשָּׁה, בְּחִינַת נו"ן, לְקַבֵּל מִן הַשֵּׂכֶל, שֶׁהוּא בְּחִינַת חֵי"ת, וַאֲזַי נַעֲשֶׂה חֵן, וְנִתְקַבְּלִים דְּבָרָיו כַּנַּ"ל, וַאֲזַי נִתְעַלֶּה הַחֵן וְהַחֲשִׁיבוּת שֶׁל יִשְׂרָאֵל, וְכָל הַתְּפִלּוֹת וְהַבַּקָּשׁוֹת נִתְקַבְּלִים:

בְּתוֹרַת ה'' אַז מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה, כִּי עַל יְדֵי שֶׁלּוֹמֵד תּוֹרָה אַז מֶען שְׁטַארְקְט זִיךְ מִיט תּוֹרָה, מֶען לֶערְנְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה - בְּכֹחַ מִיט אַ שְׁטַארְקֵייט, מֶען קוּמְט אַלֶעס אִיבֶּער, מִיט פְלַאג אוּן מִי, אַזוֹי וִוי רַשִׁ"י זָאגְט אוֹיפְ'ן פָּסוּק (וַיִּקְרָא כו, ג): 'אִם בְּחֻקֹּתַי תֵּלֵכוּ' - 'שֶׁתִּהְיוּ עֲמֵלִים בַּתּוֹרָה', מֶען זָאל לֶערְנֶען תּוֹרָה אֲפִילוּ עֶס אִיז שְׁוֶוער, אֲפִילוּ מֶען הָאט אַנְדֶערֶע זַאכְן צוּ טוּן; עַל יְדֵי זֶה נוֹתֵן כֹּחַ לַמַּלְכוּת דִּקְדֻשָּׁה דוּרְכְדֶעם שְׁטַארְקְט עֶר זַיין יֵצֶר טוֹב, בְּחִינַת נו"ן, לְקַבֵּל מִן הַשֵּׂכֶל עֶר וֶועט אָנְהוֹיבְּן לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, שֶׁהוּא בְּחִינַת חֵי"ת מִיט אַ חִיּוּת, וַאֲזַי נַעֲשֶׂה חֵן וֶועט עֶר הָאבְּן חֵן, וְנִתְקַבְּלִים דְּבָרָיו כַּנַּ"ל וֶועלְן זַיינֶע תְּפִילוֹת אָנְגֶענוּמֶען וֶוערְן, וַאֲזַי נִתְעַלֶּה הַחֵן וְהַחֲשִׁיבוּת שֶׁל יִשְׂרָאֵל, וְכָל הַתְּפִלּוֹת וְהַבַּקָּשׁוֹת נִתְקַבְּלִים.

**אִין דֶעם תּוֹרָה וַוייזְט אוּנְז דֶער רֶבִּי וִוי אַזוֹי יֶעדֶער אֵיינְצִיגְסְטֶער מֶענְטְשׁ קֶען זוֹכֶה זַיין צוּצוּקוּמֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע דַרְגָּה, עֶס זָאל אִים שַׁיינֶען דִי שֵׂכֶל, דִי אֱמוּנָה - אַזוֹי וִוי דִי זוּן, אַזוֹי וִוי יַעֲקֹב אָבִינוּ; דוּרְךְ לֶערְנֶען תּוֹרָה. תּוֹרָה אִיז מַכְנִיעַ דֶעם יֵצֶר הָרָע וָואס קְלֶעבְּט אָן אוֹיף אוּנְז מְשׁוּגַּעתְ'ן אוּן וַוארְפְט אוּנְז אַרָאפּ אִין עֲבֵירוֹת.**

**וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס פָּאלְגְט וָואס שְׁטֵייט אִין דֶעם תּוֹרָה, וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן חֵן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם.**

# לִקּוּטֵי תְּפִלּוֹת

## מְיֻסָּד עַל תּוֹרָה א׳

**הֵיילִיגֶער** בַּאשֶׁעפֶּער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. רַחְמָנוּת׳דִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר אִיךְ זָאל שְׁטֶענְדִיג לֶערְנֶען תּוֹרָה פַאר דַיינֶעט וֶועגְן, אַזוֹי וֶועל אִיךְ הָאבְּן כֹּחַ פָּטוּר צוּ וֶוערְן פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע, מִיט דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה וֶועל אִיךְ אִים קֶענֶען פַארְטְרַייבְּן פוּן מִיר. דֶער יֵצֶר הָרָע מַאכְט מִיר אַזוֹי מְשׁוּגָע, יֶעדֶע מָאל קוּמְט עֶר צוּ מִיר מִיט אַנְדֶערֶע מְשׁוּגֶע׳נֶע זַאכְן, אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט אַן עֵצָה גֶעבְּן מִיט אִים, דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה פַאר מִיר אִיז לֶערְנֶען תּוֹרָה, דִי תּוֹרָה אִיז פוּל מִיט הֵיילִיגֶע שֵׁמוֹת, דָאס טוּט אִים פַארְטְרַייבְּן.

**אָנָּא** ה׳ הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער, דוּ וֵוייסְט דָאךְ וָואס אִיךְ טְרַאכְט אוּן וָואס אִיךְ גֵיי אַלְץ אַרִיבֶּער, אַלֶע סָארְט בִּלְבּוּלִים וָואס דֶער יֵצֶר הָרָע בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין מִיר; אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן! אִיךְ הָאבּ אַזוֹיפִיל גֶעזִינְדִיגְט, אִיךְ בִּין אַזוֹי פַארְלוֹירְן, אִיךְ בִּין אָנְגֶעפִילְט מִיט שְׁטוּתִים אוּן מְשׁוּגַעתְ׳ן; נֶעם עֶס אַרוֹיס פוּן מִיר דוּרְךְ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, בִּפְרַט דֶער יֵצֶר הָרָע וָואס פַארְשְׁטֶעלְט זִיךְ וִוי אַ מַלְאָךְ, עֶר רֶעדְט מִיר צוּ צוּ טוּן עֲבֵירוֹת כְּאִילוּ עֶס אִיז מִצְוֹת, בֶּעט אִיךְ דִיר הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער, רַאטֶעוֶוע מִיךְ פוּן זַיינֶע מִצְוֹת, הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט לָאזְן פַארְדְרֵייעֶן פוּן אִים חַס וְשָׁלוֹם.

**הֵיילִיגֶער** בַּאשֶׁעפֶּער אִיךְ גֶעבּ זִיךְ אִינְגַאנְצְן אִיבֶּער פַאר דִיר, פִיר מִיךְ אוֹיף דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג; אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס אִיז רִיכְטִיג, וָואס אִיז אֱמֶת לַאֲמִתּוֹ, נָאר דוּ הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער וֵוייסְט וָואס אִיז רִיכְטִיג, דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר, הֶעלְף מִיר, הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר; אִיךְ זָאל נִישְׁט אַרַיינְפַאלְן אִין דִי הֶענְט פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע, נִישְׁט

אִיךְ אוּן נִישְׁט מַיינֶע דוֹרוֹת, אוּן אוֹיךְ אַלֶע וָואס זֶענֶען אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין מִיר, אַלֶע זָאלְן טוּן נָאר דַיין ווילְן.

**רִבּוֹנוֹ** שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ ווִיל זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען אִין יֶעדֶע זַאךְ דִיר אַלֵיינְס, אִיךְ ווִיל זֶען אוּן פַארְשְׁטֵיין אִין יֶעדֶע זַאךְ וָואס אִיךְ זֶע - דִי חָכְמָה אוּן שֵׂכֶל וָואס לִיגְט דָארְט בַּאהַאלְטְן, אִיךְ זָאל אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן יֶעדֶע זַאךְ רְמָזִים ווִי אַזוֹי צוּ וֶוערְן נֶענְטֶער צוּ דִיר, אִיךְ ווִיל זוֹכֶה זַיין צוּ דִי מַדְרֵיגָה פוּן יַעֲקֹב אָבִינוּ וָואס הָאט גֶעזֶען אִין יֶעדֶע זַאךְ נָאר דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער. הִיט מִיךְ פוּן דִי יֵצֶר הָרָע פוּן עֵשָׂו הָרָשָׁע, וָואס ווִיל אוֹיסְרַייסְן דִי אֱמוּנָה, עֶר בְּרֶענְגְט אַרַיין סְפֵיקוֹת אִין דִי אֱמוּנָה, כְּאִילוּ עֶס אִיז דָא טֶבַע, מִקְרֶה אוּן מַזָל, הִיט מִיךְ פוּן דִי מַלְכוּת הָרְשָׁעָה.

**אִיךְ** קוּם צוּ דִיר טַאטֶע מִיט אַ גֶעבֶּעט; זִיסֶער בַּאשֶׁעפֶער, רַחְמָנוּת׳דִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, לֵייג אַרוֹיף אוֹיף מִיר אַ חֵן; אִיךְ ווִיל הָאבְּן חֵן אִין דַיינֶע אוֹיגְן, אוֹיךְ אִין מֶענְטְשְׁנ׳ס אוֹיגְן, אַז וָואס אִיךְ בֶּעט זָאל וֶוערְן אָנְגֶענוּמֶען; נֶעם אָן מַיין גֶעבֶּעט, עֶס זָאל מְקוּיָם וֶוערְן דֶער פָּסוּק (זְכַרְיָה יב, י): "וְשָׁפַכְתִּי עַל בֵּית דָּוִיד וְעַל יוֹשֵׁב יְרוּשָׁלַם רוּחַ חֵן וְתַחֲנוּנִים".

**זִיסֶער** בַּאשֶׁעפֶער הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער, קוּק צוּ אוּנְזֶערֶע בִּזְיוֹנוֹת, אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען אַזוֹי פַארְשֶׁעמְט, דֶער לַאנְגֶער גָלוּת הָאט אַזוֹי דֶערְנִידֶערְט אִידִישֶׁע קִינְדֶער, דִי חֵן אוּן טֵייעֶרְקֵייט אִיז אַרִיבֶּער צוּ דִי פֶעלְקֶער אוּן צוּ דִי גֶעפַאלֶענֶע אִידְן. דֶערְפַאר קוּם אִיךְ צוּ דִיר מִיט אַ גֶעבֶּעט, הֵייבּ אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער, מַאךְ אוּנְז גְרוֹיס, גֶעבּ אוּנְז דִי חֵן, נֶעם אַוֶועק דִי חֵן פוּן דִי רְשָׁעִים, דִי סִטְרָא אַחֲרָא זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין שׁוּם חֵן, וּתְרוֹמֵם קֶרֶן יִשְׂרָאֵל, הֶער צוּ אוּנְזֶערֶע תְּפִילוֹת, אוּנְזֶערֶע גֶעבֶּעטְן, חָנֵּנוּ וַעֲנֵנוּ וּשְׁמַע תְּפִלָּתֵינוּ, כִּי אַתָּה שׁוֹמֵעַ תְּפִלַּת כָּל פֶּה עַמְּךָ יִשְׂרָאֵל בְּרַחֲמִים, בָּרוּךְ אַתָּה שׁוֹמֵעַ תְּפִלָּה.

# הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

מורינו **ראש הישיבה** שליט"א

וזוגתו

**אסתר גיטל** תחי',

וילדיהם

**שלמה** ומשפ',

**אלחנן חיים** ומשפ',

**מרים העניא זיסל** ומשפ',

**שמעון, נחמן נתן, יצחק דוד, צבי,**

**רחל לאה, יוסף, מנחם, יחזקאל.**

הקדוש ברוך הוא ימלא

את כל משאלות לבם לטובה

ויתברכו מפי עליון

בבני חיי ומזוני רוויחא

ויזכו לרות רוב נחת דקדושה

מכל יוצאי חלציהם

אמן כן יהי רצון